Heb. G 268

šajqevits

# אַכַּלֶה אויף פְּרָאקַאט

איינע שיינע ערצעהלונג וועלכע קאן הייסן

## ראָמאַן

פון

## ש.מ.ר.

Nahum Meir Schaikewitz
(Shomer)

# ווילנא

שנת תרס״ב לפ״ק

---

**НЕВѢСТА НА ПРОКАТЪ.**

Разсказъ Н. М. Шайкевича.

Съ изданія 1895 г. безъ перемѣнъ.

Соб. изд. Л. Л. Маца.

---

ВИЛЬНА.
Въ типографіи Л. Л. Маца, на Завалной ул. домъ Вендорфа.
1902 г

Дозволено цензурою 15 Февраля 1902 г. Вильна.

# א.

## אמיאוס'ה מפלה

דער הערר סימיאן (שמעון) אלעכסנדראוויטש (בן סנדר) קאטצענקאפף האט באוויזען דער וועלט אביישפיל אז די נשמה פון איין אלטען מאן איז אויך ניט פון קלאטשע, אז אגרייז גראער מענטש איז נאך אויך ניט פון די ארויסגעווארפענע אונ ער קאן אויך פון די זיססע לעבענספערגעניגען געניססען פונקט וויא איונגער מאן ריכטיגער געזאגט וויא אהיינטמאדישער יונגער פראנט.

קוקט זיך נאר איין איך בעט אייך אין דעם הערר קאטצענקאפף זעהט וויא שיין ער איז, זיינע בעקעלאך זיינען רויט וויא צוויא רויטע עפעלאך זיינע האר זיינען שווארץ אונ געגרייזעלט אונ אז ער עפינט אויף זיין מויל צום לאכען זעהעט מען צוויא רייהען שיינע ציינדעלאך וויא די פערעלאך איהר וועט דען גלויבען אז איך וועל אייך זאגען אז דאס מענטשעלע איז שאן אבן שבעים? (זיבעציג יאהר אלט). איא איהר גלויבט ניט, נאר איך זאג אייך אז איהר מאגט מיר זיכער גלויבען אז איהם איז שאן געווארען זיבעציג יאהר, פרעגט דעם אלטען בדחן רבי וועלוועלען וועט ער אייך דערצעהלען אז מיט 50 יאהר צוריק האט ער (וועלוועל) באזעצט דעם הערר קאטצענ-קאפף פאר זיין חופה אונ דאמאלס איז ער אלט געוועזען העכער 20 יאהר, פרעגט האסיע גנעסיען דער שולשמשטע וועט זיא אייך ערצעהלען אז בשעת זיא איז געוועזען אמיידעל פון איאהר אכטצעהען (דאס איז שאן אמעשה פון איבער 50 יאהר) האט שמעונקע דער טרייפנאק זיא געוואלט איין ריידען זיא זאל מיט

(אבלה או"פ) איהם

אִיהם אַנְטְלױפֶען אִין אַדֶעם אוּנ זָאל דָארְט מִיט אִיהם חֲתוּנָה הָאבֶּען.

אױב אִיהר װֶעט פְרֶעגֶען װִיא קוּמְט דָאס װָאס דֶער חֶערר קאטצענקאפּף אִיז נָאךְ גָאר נִיט אַלְט גֶעװָארֶען זֶענְט אִיהר הָאט מִיר קֵיין פֶּערְאִיבֶּעל נִיט נָאךְ גָאר אוּנְפְּרַאקְטִישֶׁע מֶענְטְשֶׁען, אִין אוּנְזָערֶע גָאלְדֶענֶע צַייט זַיינֶען בָּרוּךְ הַשֵּׁם כִּמְעַט אִין אַלֶע אַפְּטֵייקֶען דָא אַזֶעלְכֶע כְּשׁוּפְדִיגֶע פְּרַאשְׁקֶעס װָאס מַאכֶען פוּן װַייס שְׁוַוארְץ אוּנ פוּן גֶעל רױט אִין אַלֶע שְׁטֶעדְט װֶעט אִיהר גֶעפִינֶען דַאנְטִיסְטֶען (צָאן אֶרְצְטֶע) װָאס פַאר גֶעלְד שֶׁענְקֶען זַייא שְׁפָּאגֶעל נַייֶע צֵיין, קוּרְץ גִירֶעדְט הַיינְטִיגֶע מֶענְטְשֶׁען הָאבֶּען בַּאװִיזֶען אַז זַייא קָאנֶען מִלְחָמָה הַאלְטֶען גֶעגִין גָאט אוּנ גֶעגִין דֶער נַאטוּר אוּנ מִיט זַייעֶר גְרױסֶער חָכְמָה פֶערְטְרַייבֶּען זַייא דִיא עֶלְטֶער פוּן זִיךְ, נוּא אִיז שׁוֹין אַװאוּנְדֶער װָאס אַזַא גְרױסֶער חָכָם װִיא סימיאָן קאטצענקאפּף װַאר הָאט זִיךְ דֶעם עֶלְטֶער אױף צוּ לְהַכְעִיס יוּנְג גֶעמַאכְט, זָא דָאס קֵיינֶער הָאט גֶעהַאט דִיא עַזּוּת אִיהם צוּא רֶעכֶענֶען פַאר אַיין אַלְטֶען מַאן.

אֱמֶת! סימיאָן אלעקסנדראװיטש קאטצענקאפּף אִיז גִיװֶען אַחָכָם אִין דֶעם הָאט קֵיינֶער נִיט גֶעצְװַייפֶעלְט, דֶער בֶּעסְטֶער בֶּעװַייז פוּן זַיין חָכְמָה אִיז דָאס װָאס עֶר אִיז גִיװֶען אַגְבִיר, אוּנ דָאס װַייסֶען אַלֶע אַז אַנַאר קָאן בְּשׁוּם אוֹפֶן קֵיין גְבִיר נִיט זַיין.

פוּן װַאנֶען זַיין גְבִירְהשַׁאפְט הָאט זִיךְ צוּא אִיהם גֶענוּמֶען דָאס אִיז נִיט אוּנְזָער בָּאבֶּעס דַאגָה, אוּנ מִיר בַּאדַארְפֶען זִיךְ גָאר נִיט צוּ הֶערִין צוּ דֶעם װָאס דִיא אָװְקֶענֶער (דִיא שְׁטָאדְט װוּא קאטצענקאפּף הָאט גֶעװָאהְנְט) יוּדֶען הָאבֶּען גֶעזָאגְט אַז זַיין רַייכְטְהוּם הָאט עֶר זִיךְ פֶערְשַׁאפְט פוּן דֶעם װָאס עֶר פְלֶעגְט אױפְקױפִין אַלֶע גְנֵיבוֹת בַּייא דִיא גַנָבִים, אוּנ װָאס עֶר פְלֶעגְט רױבֶּען װוּא עֶר הָאט נָאר גֶעקָאנְט, גֶענוּג אִיז פַאר אוּנְז װָאס מִיר װַייסֶען אַז עֶר אִיז יֶעצְט אַגְבִיר דַארְפֶען מִיר הָאבִּין פַאר אִיהם רֶעסְפֶּעקְט מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ, דֶען מִיר װַייסִין דָאךְ אַז דָאס עֲשִׁירוּת שְׁטֶעהט בֶּעשְׁטֶענְדִיג הֶעכֶער פוּן אַלֶעס. אוּנ קוּים זֶעהֶען מִיר

פַאר זִיךְ אַמֶענְטְשִׁין וָואס הָאט גֶעלְד בַּאדַארְפִין מִיר אִיהם לֶעקֶען אוּנ גְלֶעטָען אָהנֶע צוּ קְלֶערִין פוּן וַואנֶעוּ זַיין גֶעלְד הָאט זִיךְ גֶענוּמֶען ·

נָאךְ אַבֶּעוַוייז הָאבֶּען מִיר אַז סִימִיאַן קאטצענקאפּף אִיז גִיוֶוען אַחָכָם דָאס וָואס עֶר הָאט מִיט דִיא פְרוֹיעֶן נִיט גֶעמַאכְט קֵיין גְרוֹיסֶע צֶערֶעמָאנְיֶעס, עֶר הָאט זִיךְ שָׁאן גִינָט מִיט זֶעכְּס וַוייבֶּער אוּנ דִיא אַלֶע וַוייבֶּער הָאבִּין פוּן אִיהם גֶעלַייזְט פֶּעטְשׁ מִיט קְלֶעפּ גָאר אוֹיפֶען פְּרָאסְטֶען אוֹיפֶען, זַיין וָוערְטֶעל אִיז בֶּעשְׁטֶענְדִיג גִיוֶוען; „אַמַאן אִיז אַמַאן אוּנ אַוַוייבּ אִיז אַוַוייבּ · עֶר דַארְף וִויסְסֶען אַז עֶר אִיז בַּעַל הַבַּיִת, אוּנ זִיא דַארְף וִויסְסֶען אַז זִיא אִיז בַּייא אִיהם נִיט מֶעהר וִויא אַדִינְסְט, וַוייל עֶר הָאלְט עֶר זִיא בַּייא זִיךְ אִין שְׁטוּבּ וַוייל עֶר טְרַייבְּט עֶר זִיא אַרוֹיס צוּם טַייפֶעל" ·

נוּא אִיז דָאס נִיט וֶוערְטֶער פוּן אַלַאנְד חָכָם ?

נָאר אִיהר וֶועט זִיךְ נָאךְ מֶעהר וואוּנְדֶערֶען וֶוען אִיהר וֶועט הֶערְרֶען אַז דֶער גְרוֹיסֶער פְּרֵייז וָואס הָאט מִיט אַזַא שְׁטָאלְצֶעס בְּלִיק גֶעקוּקְט אוֹיף דִיא פְרוֹיעֶן, עֶר פְלֶעגְט זִיךְ נָאךְ יָאגֶען נָאךְ אַלֶע שֵׁיינֶע מֵיידְלַאךְ, אוּנ פְלֶעגְט זַייא פֶערְשִׁיטְטֶען מִיט קָאמְפְּלִימֶענְטֶען, אוּנ טַאקֶע נָאר צוּ לִיבּ דִיא שֵׁיינֶע מֵיידְלַאךְ הָאט עֶר זִיךְ מִיט אַלֶע כּחוֹת בֶּעמִיהט יוּנְג אוֹיס צוּ זֶעהֶען, וַוייל עֶר הָאט נָאךְ גֶעוָואלְט חֲתוּנָה הָאבֶּען צוּם זִיבֶּענְטֶען מָאהל מִיט אַיוּנְגֶעס שֵׁיינֶעס מֵיידְכֶען עֶר אִיז גִיוֶוען פוּן דֶער נַאטוּר זֶעהֶער קַארְג, נוּר דָארְט וואוּ עֶר הָאט זִיךְ בַּאדַארְפְט אוּנְטֶער שְׁמֵייכְלֶען אַשֵׁיין פְרַיילִין הָאט דָאס גֶעלְט בַּייא אִיהם פֶערְלָארֶען דֶעם נַאנְצֶען וֶוערְטְה, אוּנ עֶר הָאט פָּשׁוּט מִיט גָאלְד גֶעשָׁאטֶען ·

נָאר דָא אִין דֶער לֶעצְטֶער צַייט הָאט אוּנְזֶער הֶערְר קאטצענקאפּף גֶעהַאט זֶעהֶער אַמִיאוּסֶע מַפָּלָה, דוּרְךְ וֶועלְכֶע עֶר הָאט זִיךְ פָּשׁוּט גֶעשֶׁעמְט דִיא אוֹיגֶען וַוייזֶען פַאר זַיינֶע שְׁטָאדְלַייט ·

דִיא מַעֲשֶׂה אִיז אַזוֹי גִיוֶוען:

עֶר הָאט גֶעוָוארְפֶען אַיין אוֹיג אוֹיף דָאבְּקֶע דֶער אַלְמָנָה'ס טָאכְטֶער רייזעלע, דאבקע הָאט אַמָאהל זֶעהֶער אַגְרוֹיסֶע רָאלְיֶע

גֶעשְׁפִּילְט זִיא הָאט גֶעהַאט אַגְרוֹיסֶען סְקְלַאד פוּן מַאנוּפַאקְטוּר אוּנ הָאט גֶעלַייזְט מֶעהר אַלְס אַלְלֶע אָוּוקְענֶער קְרֶעמֶער זִיא פְלֶעגְט אַלַיין פָאהרֶען קוֹיפִין סְחוֹרָה זִיא פְלֶעגְט אוֹיךְ פָאהרֶען אוֹיף דִיא גְרוֹיסֶע יְרִידִים אוּנ הָאט פָּשׁוּט בַּאוִויזֶען גְבוּרוֹת, אַלְלֶע הָאבֶּען זִיא גֶערוּפֶען קָאזַאק, אָדֶער אשת חיל אוּנ אַלְלֶע מַאנֶען הָאבֶען מְקַנֵא גִיוֶועֶן אִיהר מַאן רבי חיים דאבקעס וָואס גָאט הָאט אִיהם גֶעבֶּענְטְשְׁט מִיט אַזַא אוֹצָר אַווייבּ. דֶען חיים'ן הָאבֶּען אַלְלֶע גֶעהַאלְטֶען פַאר אַגְרוֹיסֶען לַמְדָן אָבֶּער פַאר נָאךְ אַגְרֶעסֶערֶען שְׁלִימְמַזְלְנִיק, מִיא פְלֶעגְט זִיךְ הַאלְטֶען אִין אוּוקֶען פָּשׁוּט אִין דִיא זַייטֶען לַאבֶּענְדִיג אַלְס מִיא הָאט עֶרְצֶעהלְט וִויא רבי חיים שְׁטֶעהט אִין קְרָאם אוּנ רֶעדְט מִיט אַקוּנָה, דֶער פַאר אִיז אָבֶּער זַיין וֶועקְסֶעל זָאנַאר זַיין וָוארְט גִיוֶועֶן אַגִילְטִיגֶע מָאנֶעטֶע, וַוייל אַלְלֶע הָאבֶּען אִיהם גֶעהַאלְטֶען פַאר אַהוֹיפְּט עֶהרְלִיכֶען מַאן, אוּנ דִיא גְרֶעסְטֶע קַאפִּיטַאלִיסְטֶען הָאבֶּען אִיהם מִיט פֶערְגֶענִיגֶען גֶעלִיהֶען גֶעלְד וִויפִיל דאבקע דִיא אשת חיל הָאט נָאר פֶערְלַאנְגְט, דִיא אשת חיל פְלֶעגְט זִיךְ נֶעבַּאךְ בֶּעשְׁטֶענְדִיג בֶּעקְלָאגֶען אוֹיף דֶעם וָואס גָאט הָאט אִיהר גֶעשְׁטְרָאפְט מִיט אַזַא שְׁלִימְמַזְלְנִיק אַמַאן וָואס טוֹיג נִיט אֲפִילוּ אַקַאטְץ אַנֶעק צוּ פֶערְבִּינְדֶען, מִיט וֶועלְכֶען זִיא קָאן זִיךְ נִיט פֶערְשַׁאפֶען פוּן דַאנֶען אַהִין, אוּנ זִיא מוּז אַלַיין אַרְבֵּייטֶען וִויא דֶער אָקְס אִין דֶער סָאבֶע.

גָאט הָאט וִויא עֶס שַׁיינְט אִיהר צַער נִיט גֶעקָאנְט צוּ זֶעהֶען אוּנ הָאט רבי חיים'ן אַוֶועק גֶערוּפֶען צוּ זִיךְ אִין גַן עֵדֶן.

נָאר הֶערְט אַוואוּנְדֶער! וִויא נָאר דֶער שְׁלִימְמַזְלְנִיק אִיז גֶעשְׁטָארְבֶּען, אִיז דִיא גְרוֹיסֶע בְּרִיָה דִיא אשת חיל דאבקע אוֹיס קָאזַאק גֶעוָוארֶען, אִיהר קְרֶעדִיט הָאט זִיךְ גֶעשְׁטֶעלְט, דִיא קוֹנִים הָאבִּין אוֹיפְגֶעהֶערְט אִיהר גֶעשֶׁעפְט צוּ בֶּעזוּכֶען, אוּנ אִין אַקוּרְצֶער צַייט אִיז פוּן אִיהר גַאנְץ גִישֶׁעפְט גֶעוָוארֶען אַבַּארְג אַשׁ, עֶס הָאט נִיט גֶעהָאלְפֶען אִיהרֶע בְּרִיָהשַׁאפְט, אִיהר חָכְמָה אוּנ זִיא הָאט נֶעבַּאךְ גֶעמוּזְט מוֹדָה זַיין אַז נִיט זִיא אִיז דָאס גִיוֶועֶן בִּיז אַהֶער

דיא אשת חיל אז מאקע נור אויף איהר שלימזלדיגען מאן איז דאס גאנצע געשעפט גיוועז גענגרינדעט .

דיא רייכע דאבקע איז נעבאך געבליבען אקבצענטע אין דריא גארין , אונ זיא מיט דער טאכטער האבען געלעבט פון דעם געלד וואס רבי חיים'ס אברודער פלעגט אונטערשיקען פון מאסקווא .

רייזעלע דאבקעס טאכטער וואר אמעדכען איינע זעלטענע שאנהייט אונ דאצו אהיבש ביסעל געבילדעט . אבער וואס העלפט דאס שיינקייט אונ דיא בילדונג ווען קיין געלד איז ניטא . דיא שדכנים וואס האבען נאך מיט דרייא יאהר צוריק אלס רייזעלע איז זיבצעהן יאהר אלט גיוועזן רבי חיים'ס טיהרען אבגעשלאגען האבען זיך שאן יעצט גאר נישט געוויזען אויף דאבקעס שוועל , אונ דיא ארעמע מוטער האט אנגעהייבען שטארק מורא צו האבין איהר בת יחידה זאל חלילה פארזיטצען ביז אין גראען צאפ .

אונזער בעקאנטער סימיאן קאטצענקאפ וועלכער האט זיך גראדע דאס יאהר מיט זיין זעכסטער ווייב גיגעט , האט טאקע בשעת דעם גט שטארק אין זינען געהאט רייזעלען , ביי איהם איז קיין ספק גיוועזן אז רייזעלע וועט זיך גליקליך שעטצען ווען ער וועט וועלין מיט איהר חתונה האבין , אונ דאבקע וועט מיט דער גרעסטער שמחה צו דעם שידוך מסכים זיין , אסך מענטשען האבין געזאגט אז ער האט זיך מיט זיין זעכסטער ווייב גיגעט נור צו ליב רייזעלען .

אונזער קאטצענקאפ האט אנגעהייבען זיך צו שדכענען צו רייזעלען אויפען היינטמאדישען אופען , ער האט ניט געשיקט קיין שדכן צו איהר , נאר ער האט אנגעהייבען אליין מאכען דאבקען וויזיטען אום ער זאל קאנען אונגעשטערט ריידען מיט רייזעלען , אונ זאל קענען איינפלאסען אין איהר הארצען ליבע צו איהם .

דאבקע פלעגט איהם צו נעמען פאר אגוטען גאסט ווייל

ער פלעגט זיך איהר אלליין אנשלאגען מיט גמילות חסדים, אונ די גמילות חסדים האט זיא זעהער נאטהיג באדארפט, אויך רייזעלע וועלכע האט גאר ניט פערשטאנען אז די טובות וואס ער טוהט מיט איהר מוטער איז אלץ צו ליב איהר, אויך זיא פלעגט איהם זעהער פיין אונ פריינדליך בעהאנדלען.

אונזער קאטצענקאף איז גיוועזען אין זיבענטען הימעל, ער האט געגלויבט באמונה שלמה אז ביידע די מוטער מיט דער שאכטער פערשטעהן זיין געדאנק, אונ זייא פרייען זיך שוין מיט איהם, ער האט דאבקען איבערגעליהען שאנע עטליכע הונדערטער אונ האט שוין בדיעה געהאט פאללען פאר רייזעלען אויף די קניע אונ איהר זיין גרויסע ליבע ענטדעקען, נאר הערט אנ׳אונגליק.

אלס ער איז געקומען צו דאבקען שיין פערפוצט טאקע ווי א חתן, מיט דעם געדאנק יעצט פאר רייזעלען זיין הארץ צו עפענען, איז איהם דאבקע אנטגעגען געלאפען מיט שטראהלענדע אויגען, אונ האט אנגעשריא געטאהן טהייערער בעסטער פריינד רבי שמעון גאט האט אייך אהער געבראכט איך האב שוין געוואלט געהן צו אייך.

וועגען וואס? — האט קאטצענקאפף זעהער פריינדליך געפרעגט.

איך האב אייך געוואלט בעטין איהר זאלט מיר לייהען צווייא הונדערט רובעל, איך באדארף דאס זעהער נייטיג האבען.

אך מיט דעם גרעסטען פערגעניגען — האט קאטצענקאפף גיענטפערט אונ האט באלד ניגעבין דאבקען צוויא הונדערטער.

ווייסט איהר טהייערער פריינד אויף וואס איך באדארף דאס אזוי נייטיג געלד? — האט דאבקע געזאגט אלס זיא האט די ביידע הונדערטער אין קעשענע בעהאלטען — ביי מיין רייזעלען איז היינט ביי נאכט תנאים גאט האט איהר צוגעשיקט

אִיהר זִיווּג טַאקֶע מַיינְס אַקרוֹב אַיוּנְגֶער מַאן אַבּוּרְלְיַאנְט אִיהר מוּזְט אִיהם קָאנֶען דָאס אִיז אברהם הערצענפריינד דָער קָאלֶעקְטֶער עֶר אִיז נִיט רַייךְ אָבֶּער זֶעהֶער אַײַילֶער חָתָן, אִיהר וָועט זִיךְ דָאךְ מִסְתָּמָא נִיט לָאזִין בֶּעטִין אוּנ וָועט קוּמֶען אוֹיף דִיא תְּנָאִים הַא? אָט גֶעה אִיךְ שׁוֹין קֵייפִין פַאר דָעם חָתָן אַמַתָּנָה פוּן אַיינֶער גֶעלְד.

שַׁאדֶע בְּנֶאֱמָנוּת וָואס אִיךְ בִּין נִיט קֵיין מַאלְיֶער, אוּנ אִיךְ קָאן אַייךְ לִיעבֶּע לֶעזֶער נִיט אָבְמָאהלֶען וִויא קַאטְצֶענְקַאפְּף הָאט אוֹיסְגִיזֶעהֶען אִין דָער מִינוּט וָואס עֶר הָאט דִיא זִיסֶע וָוערְטֶער דֶערְהֶערְט, דָאס וָואלְט גִיוָוען זֶעהֶער אַשֵׁיינֶע קַארִיקַאטוּרֶע (אַקָאמִישֶׁעס בִּילְד).

# ב.

## אַרוּיבֶּער אִין מִיטֶען שְׁטָאדְט.

קאטצענקאפף אִיז בַּייא זִיךְ גִיוֶוען זֶעהֶער שְׁטָאלְץ, וָוען חָלִילָה יֶעמַאנְד הָאט אִיהם נִיט נוֹהֵג כָּבוֹד גִיוֶוען וִויא עֶר הָאט גֶעמֵיינְט הָאט אִיהם דֶער הֶערר סימיאן אלכסנדראוויטש פֶערְפָאלְגְט אוּנְגֶערְבַּארֶעמְלִיךְ, אוּנ אוּם אַמֶענְטְשִׁין שְׁלֶעכְטְס צוּ טָאהן הָאט אוֹיךְ בַּייא אִיהם דָאס גֶעלְד קֵיין רָאלְיֶע גֶעשְׁפִּילְט, דַארוּם קָאן מֶען זִיךְ לַייכְט פָארְשְׁטֶעלֶען מִיט וָואס פַאר אַכַּעַס עֶר אִיז אַרוּיסְגֶעלָאפִין פוּן דאבקעס שְׁטוּבּ עֶס וָואלְט מֶעגְלִיךְ גִיוֶוען וָואלְט עֶר דָאס הוֹיז מִיט דאבקען אוּנ מִיט רייזעלען אִין אַיין פַייֶער פֶערְבְּרֶענְט אִיהם אִיז דִיא זַאךְ זֶעהֶער נִיט אָנְגֶעשְׁטַאנֶגען, סְטַאטְשׁ אִיהם זָאל מֶען גֶעבִּין אַזַא פַּאטְשׁ אִין פָּנִים עֶר הָאט גֶעגְלוֹיבְּט אַז דאבקע הָאט אוּמְמִיסְטֶען מִיט אִיהם אַזַא פְרֵיינְדְלִיכֶע רָאלְיֶע גֶעשְׁפִּיעלְט אוּם בַּייא אִיהם גֶעלְד צוּ צַאפִּין, אוּנ נָאכְדֶעם אַז זִיא הָאט שׁוֹין בַּייא אִיהם אָנְגֶעחַאפְּט אַגְרוֹיסֶע סוּמְמֶע הָאט זִיא אִיהם גֶעגֶעבֶּען אָנְצוּהֶערִינְס אַז עֶר אִיז דָא מֶעהר קֵיין מְחוּתָּן נִיט .... אַז עֶר אִיז פַאר אִיהר רייזעלען נִיט קֵיין חָתָן.

אַז עֶר הָאט רַאמָאלְס דָעם שְׁלַאג נִיט בֶּעקוּמֶען אִיז עֶר גִּיוֶועזֶען שְׁטַארְקֶער פוּן אַייזֶען, אוּנ עֶר הָאט זַיין כֹּחַ אוֹיסְגֶעגָאסֶען אוֹיף יֶעדֶען וֶועמֶען עֶר הָאט נָאר גֶעקָאנְט שְׁלֶעכְטְס טָאהְן, עֶר הָאט וִויא עֶס שַׁיינְט חָאטְשׁ גֶעוָואלְט זַיין הָיזִיק אוּמְקֶעהְרִין ס'הַייסְט צוּרִיקְבֶּעקוּמֶען דָאס גֶעלְד וָואס עֶר הָאט גֶעלִיהֶען דָאבְּקֶען, הָאט עֶר דַארוּם גֶערוֹיבְּט נָאר אָהן רַחֲמָנוּת, וואוּ עֶר הָאט גֶעקָאנְט חַאפִּין גֶעלְד הָאט עֶר גֶעחַאפְּט.

אוּנ דֶעם זְכוּת הָאט גֶענָאסֶען אַנְ'אוּנְשׁוּלְדִיגֶער יוּנְגֶער מַאן יאזעף פִידֶעלְזאהְן.

דֶער יאזעף הָאט דָאס יָאהר גֶיעֶנְדִיגְט דִיא גִימְנַאזְיוּם, אוּנ הָאט גֶעוָואלְט פָאהְרֶען נָאךְ פעטערסבורג אַרַיינְטְרֶעטֶען אִין אוּנִיוֶוערְזִיטֶעט, עֶר אִיז אָבֶּער גִיוֶוען זֶעהֶער אָרֶם, אוּנ הָאט זִיךְ אָהן גֶעלְד נִיט גֶעקָאנְט רִיהְרֶען פוּן אָרְט, דַארוּם הָאט עֶר זִיךְ גִיוֶוענְדֶעט צוּ זַיינֶעם אַבְּרוּדֶער וֶועלְכֶער הָאט גֶעוָואהְנְט אִין אווסטראלִיעֶן, אוּנ הָאט אִיהם גִיבֶּעטֶען עֶר זָאל אִיהם אַרוֹיסְהֶעלְפִין פוּן זַיין נָאטְהֶע, אִין זַיין בְּרִיעף הָאט עֶר דֶעם בְּרוּדֶער גִיבֶּעטִין אַז אוֹיבּ עֶר וֶועט אִיהם שִׁיקֶען גֶעלְד זָאל עֶר אִיהם אַרַיינְשִׁיקֶען אוֹיף סימיאן קאטצענקאפפּס אַדְרֶעסֶע.

אוּנ אִין עֶטְלִיכֶע וָואכֶען אַרוּם הָאט עֶר עֶרְהַאלְטֶען פוּנֶם בְּרוּדֶער אַבְּרִיעף מִיט דִיא וָוארְטֶען:

מַיין טְהַייעֶרֶער יאזעף!

דַיין בְּרִיעף הָאבּ אִיךְ עֶרְהַאלְטֶען, דַיין בִּיטֶערֶע לַאגֶע הָאט מִיךְ בִּיז צוּ טְרֶערִין גֶערִיהְרְט, אוּנ מִיךְ פְרֵייעט זֶעהֶער וָואס אִיךְ בִּין אִין שְׁטַאנְד דִיר צוּ הֶעלְפִין, דֶען גָאט זַייא דַאנְק אִיךְ בִּין יֶעצְט גְלִיקְלִיךְ, אִיךְ הַאנְדֶעל מִיט פֶּערִיל, אוּנ אִיךְ פֶערְדִין אַסַךְ גֶעלְד, מַיין רַאטְהֶע אִיז דוּא זָאלְסְט אוֹיךְ בַּאלְד קוּמֶען צוּ מִיר, דוּא וֶועסְט דָא פִיעל גְלִיקְלִיכֶער זַיין אַלְס דַאן וָוען דוּא וֶועסְט אֲפִילוּ עֶנְדִיגֶען דֶעם אוּנִיוֶוערְזִיטֶעט, אִיךְ הָאבּ דִיר אַרוֹיסְגֶעשִׁיקְט דוּרְךְ פָּאצְט 5000 רוּבֶּעל אוֹיף דֶעם הֶערְרִין סימיאן קאטצענקאפּס אַדְרֶעסֶע, אוּנ אִיךְ בֶּעט דִיךְ נָאךְ אַמָאהל דוּא זָאלְסְט בַּאלְד

וִויא דוּא הָעסְט דָאס גֶעלְד אָבְּגֶעהָמֶען פָאהרִין צוּ מִיר דַיין גֶעטְרַייֶען בְּרוּדֶער.

מארקוס פיעדעלזאהן.

דִיא פְרַיידֶע פוּן דֶעם יוּנְגֶען מַאן וַואר גְרֶענְצֶענְלָאז, עֶפֶּעס אַבְּגֶליינִיגְקֵייט עֶר וְואס הָאט זִיךְ גֶענָאטְהִיגְט אִין אַקְאפִּיקֶע וֶועט יֶעצְט הָאבִּין גַאנְצֶע 5000 רוּבֶּעל, עֶר אִיז גֶעלָאפִין צוּ קאטצענ־קאפּפן פְרֶעגֶען צוּ הָאט עֶר עֶרְהַאלְטָען פַאר אִיהם 5000 רוּבֶּעל, גָאר דֶער הָערר קאטצענקאפּף הָאט אִיהם גִיעֶנְטְפֶערְט צָארְנִיג אַז עֶר וַוייס נִיט פוּן וָואס צוּ זָאגֶען, יאזעף הָאט זִיךְ נִיט גֶעפוֹילְט אוּנ אִיז גֶעגַאנְגֶען אוֹיף דֶער פָּאצְט אוּנ הָאט דָארְט גֶעמַאכְט אַסְפְּרַאווְקֶע צוּ עֶס אִיז דִיא טֶעג אָנְגֶעקוּמֶען צוּ קאטצענקאפּפן גֶעלְד פוּן אויסטראליען, אוּנ וִויא עֶרְשְׁטוֹינְט אִיז עֶר גֶעוָוארִין אַלְס עֶר הָאט עֶרְפַאהרֶען אַז מִיט דְרַייא טָאג צוּרִיק הָאט סימיאן אַליין אָבְּגֶענוּמֶען פוּן דֶער פָּאצְט 5000 וָואס אוֹיף זַיין נָאמֶען אִיז אָנְקוּמֶען פוּן אווסטראליען.

יאזעף אִיז צוּרִיקְגֶעלָאפֶען צוּ קאטצענקאפּפען, אוּנ דָאט אִיהם גֶעזָאגְט אַז עֶר וַוייס בֶּעשְׁטִימְט אַז מִיט דְרַייא טָאג צוּרִיק הָאט עֶר אָבְּגֶענוּמֶען פִינְף טוֹיזֶענְד רוּבֶּעל וָואס מִיא הָאט אוֹיף זַיין נָאמֶען גֶעשִׁיקְט פוּן אווסטראליען, אוּנ הָאט שְׁטְרֶענְג גֶעפָאדֶערְט סימיאן זָאל אִיהם זַיין גֶעלְד אָבְּגֶעבֶּען.

שׁוֹטֶה! — הָאט סימיאן אַנְגֶעשְׁרַייא גֶעטָאהן — וֶוער וֶועט דִיר גֶעבִּין 5000 רוּבֶּעל, אֶמֶת טַאקֶע מִיר אִיז דִיא סוּמֶע אָנְגֶעקוּמֶען פוּן דַיין בְּרוּדֶער, אָבֶּער דָאס הָאט עֶר מִיר אַנ'אַלְטֶען חוֹב אָבְּגֶעשִׁיקְט וָואס עֶר הָאט בַּייא מִיר גֶעלִיהֶען מְזוּמָן גֶעלְד.

יאזעף אִיז אוֹיסֶער זִיךְ גֶעוָוארִין פוּן דֶער עַזוּת, אוּנ הָאט אָנְגֶעהֵייבִּין צוּ לַיארְמֶען, צוּ שְׁרַייעֶן, אָבֶּער קאטצענקאפּף הָאט זִיךְ גָאר נִיט עֶרְשְׁרָאקֶען, אוּנ הָאט גֶעהַייסִין זַיין מְשָׁרֵת עֶר זָאל דֶעם נַארֶעשׁ סְדוּדֶענְט פוּן שְׁטוּבּ אַרוֹיסְטְרַייבֶּען, אוּנ דֶער מְשָׁרֵת קְלִמנקע וֶועלְבֶער וַואר בֶּעקַאנְט פַאר אַגְרוֹיסִין פְרֶעסֶער אוּנ פַאר

אַגְרוֹיסִין יוּנְגַאטְשׁ הָאט גָאר אָהן שִׁיהוּת דֶעם אַרְמֶען יאזעפֿן פוּן שְׁטוּב אַרוֹיסְגֶעיָאגְט.

דֶער אַרְמֶער יאזעף הָאט זִיךְ גָאר קֵיין רַאטְה גֶעקָאנְט גֶעבִּין וָואס צוּ טָאהן, דֶען פֶערְפִיהרֶען אַפְּרָאצֶעס גֶעגֶען דֶעם רוֹיבֶּער הָאט עֶר גֶעוואוּסְט אַז דָאס בֵּאדַארְף קָאסְטֶען גֶעלְד אוּנ צַייט, אוּנ עֶר הָאט דִיא בֵּיידֶע זַאכִין נִיט גֶעהַאט, עֶר הָאט פֶערְשְׁטַאנֶען אַז מִיט בֵּייזִין וֶועט עֶר דָא גָאר נִישְׁט אוֹיסְפִיהרֶען, דַארוּם הָאט עֶר אָנְגֶעהֵייבִּין מִיט גוּטֶען, עֶר אִיז צוּגֶעפַאלֶען צוּ קאטצענקאפּפֿן אַלְס דֶער אַלְטֶער פְּרַאנְט אִיז גֶעגַאנְגֶען אִין גַאס מִיט אַיָאמֶער אוּנ מִיט טְרֶערִין, עֶר הָאט אִיהם גִיבֶּעטֶען רַחֲמִים עֶר זָאל אִיהם זַיין גֶעלְד אָבְּגֶעבִּין, אָבֶּער קאטצענקאפּף הָאט אִיהם גִיעֶנְטְפֶערְט דֶעם זֶעלְבֶּען תִּירוּץ: שׁוֹטֶה! וֶוער וֶועט דִיר גֶעבִּין 5000 רוּבֶּעל?

# ד.

## שְׁטוּאָס טְרֵייסְט.

שְׁרֶעקְלִיךְ אִיז וֶוען מִיא וֶוערְט פוּן אַרוֹיבֶּער בֶּערוֹיבְּט עֶרְגֶעץ אִין אַוַואלְד וַוייט פוּן מֶענְטְשֶׁען, וואוּ עֶס הֶעלְפְט נִיט קֵיין לַיארְם אוּנ קֵיין גְוַואלְד, אָבֶּער נָאךְ שְׁרֶעקְלִיכֶער אִיז וֶוען מִיא וֶוערְט בֶּערוֹיבְּט פוּן אַרוֹיבֶּער אִין אַשְׁטָאדְט אִין מִיטֶען הֶעלֶען טָאג אוּנ אִין מִיטֶען גַאס פַאר טוֹיזֶענְדֶער מֶענְטְשֶׁען אִין דִיא אוֹיגֶען, אוּנ עֶס אִיז פָארְט נִיטָא וֶוער עֶס זָאל רֶעטֶען פוּן דֶעם רוֹיבֶּערְס הַאנְד, דֶען דֶער אוּנְגְלִיקְלִיכֶער וָואס פַאלְט אַרַיין צוּ אַרוֹצֵח אִין אַוַואלְד קָאן צוּ קֵיינֶעם קֵיין פְּרֶעטֶענְזְיָאן הָאבִּין דֶערְפַאר וָואס מִיא הָאט אִיהם קֵיין רֶעטוּנְג גֶעבְּרַאכְט, וֶועהרֶענְד דֶער וָואס וֶוערְט אוּנְגְלִיקְלִיךְ דוּרְךְ אַמֶערְדֶערְס הַאנְד אִין אַשְׁטָאדְט פַאר אַלֶעמֶען אִין דִיא אוֹיגֶען דֶעם וַוייזְט אוֹיס אַז אַלֶע זַיינֶען שׁוּלְדִיג אִין זַיין אוּנְגְלִיק, עֶר אִיז אוֹיף אַלֶעמֶען אִין כַּעס דֶערְפַאר וָואס מִיא שְׁוַויינְט זַיין רוֹיבֶּער, הָאטְשׁ קֵיינֶער קָאן אִין דֶער ווירְקְלִיכְקֵייט אִיהם נִיט הֶעלְפִין.

(ארלה או״פ)

יאזעף פיעדעלזאהן איז אויך געוועזען אין כעס אויף דער גאנצער וועלט דערפאר וואס מיא שווייגט דעם רוביער קאטצענקאפפן, ער האט עפעס געוואלט אז אלע זאלין זיך מיט דעם אונמענטשען פאר איהם רעכנען, דער ארמער יונגער מאן איז פאסט פערצווייפעלט געבליבען, אונ איז גאנצע טעג גיזעסען אין זיין צימער פערטרויערט אונ פערקלאגט.

אין דער לאנגע האט איהם איין מאהל געטראפען זיינער אגוטער פריינד בערעלע וויטצקאפף.

בערעלע וויטצקאפף וואר אן'איינפאכער מענטש האלב יוד האלב דייטש האלב פרום האלב פערשייט, ער איז געוועזען אשטיקעל מעקלער פון געלד, אונ אשטיקעל שדכן, אונ דורך זיין בעשטענדיגער פראהליכער לוינע אין זיינע גלייכע ווערטליך וואר ער אקאך לעפעל אין אלע אווקענער הייזער, ער האט יאזעף פיעדעלזאהנען זעהער ליעב געהאט דען ער איז געוועזען אלאנגע צייט דעם אלטען פידעלזאהנס (יאזעפס פאטער) אשכן, אונ דער יאזעף האט זיך כמעט אויף זיינע הענד ערצאגען.

ער האט שוין געוואוסט פון דער געשיכטע מיט דיא 5000 רובעל, אונ ער האט זיך אהנע יאזעפן דאפון צו זאגען געגנג געבראכען דעם קאפף קלערענדיג עפעס אמיטעל וויא אזוי צו רעטען דאס געלד פון קאטצענקאפפס הענד.

נוא מיין יאזעף וואס מאכסטו? — האט ער געפרעגט שמייכלענד מיט זיין בעשטענדיגער מונטערקייט אריינקוממענדיג צו זיין ליעבלינג — דוא באקלאגסט נאך אלץ דיינע 5000 רובעל?

איך פערשטעה בייא מיין עהרענווארט ניט וויא אזוי געלוסט זיך אייך צו לאכען ריידענדיג פון אזא רציחה — האט יאזעף שטארק צארניג גיענטפערט.

וואס דען האסט דוא געוואלט איך זאל מיך זעטצען שבעה נאך דיין געלד? — האט וויטצקאפף געלאכט — ניין ברודער דאס בין איך חלעבין גאר ניט מחויב, זעהסט דוא אהספד מאכען

נָאךְ דֶעם גֶעלְד קָאן אִיךְ יַא , אִיךְ קָאן דִיר אִיבֶּרְגֶעבֶּען וָואס פַאר טוֹבוֹת דִיא 5000 רוּבֶּעל הָאבֶּען גֶעקָאנְט טָאהן מִיט אַרְמֶע מֶענְטְשֶׁען וֶוען זַייא לִיגֶען אִין רֶעכְטֶע הֶענְד .

לָאזְט מִיךְ אִיךְ בֶּעט אַייךְ צוּ רוּהֶ מִיט אַייֶערֶע חָכְמוֹת אוּנ מִיט אַייֶערֶע וִויטְצֶען זַייא קְרִיכֶען מִיר אֲפִילוּ אִין פַּיאטֶע נִיט .

נוּא זַייא נִיט אִין בַּעס מַיין הֶערר פְּרָאפֶעסְסָאר , אִיךְ בִּין נִיט גֶעקוּמֶען מִיט דִיר זִיךְ צוּ קְרִיגֶען , אִיךְ בִּין דִיר גֶעקוּמֶען פְרֶעגֶען אַוִויכְטִיגֶע זַאךְ .

וָואס ווִילְט אִיהר ? — הָאט יָאזֶעף אַלְץ מִיט אַצִירְגֶענֶרְטֶען טָאן גֶעפְרֶעגְט .

אִיךְ וִויל דִיר פְרֶעגֶען צוּ דוּא בִּיזְט מַסְכִּים עֶרְהַאלְטֶען פַאר דַיינֶע 5000 רוּבֶּעל נוּר 4500 .

יָאזֶעף הָאט אִיהם פֶּערְוואוּנְדֶערְט אָנְגֶעקוּקְט .

וָואס הָאסְטוּ אוֹיסְגֶעגְלָאצְט אוֹיף מִיר אַפָּאר מַלְאַךְ־הַמָוֶת׳דִיגֶע אוֹיגֶען ? דוּא פֶערְשְׁטֶעהְסְט נִיט וָואס אִיךְ רֵייד ? אִיךְ פְּרֶעג דִיר צוּ אִיז בַּייא דִיר רֶעכְט אָנְצוּוֶוערִין 500 רוּבֶּעל פוּן דִיא 5000 .

וָואס אִיז ? קאטצענקאפף פֶערְלַאנְגְט 500 רוּבֶּעל ? — הָאט יָאזֶעף הֶעכְסְט עֶרְפְרַייט גֶעפְרֶעגְט .

וָואס מַאכְט דִיר אוֹים צוּ קאטצענקאפף , צוּ הונדענקאפף אָדֶער עזעלקאפף , עֶנְטְפֶער מִיר אוֹיף דֶעם וָואס אִיךְ פְרֶעג דִיר .

וָואס פְרֶעגְט אִיהר אַזֶעלְכֶע נַארִישֶׁע קֻשְׁיוֹת , אִיךְ וֶועל אָנְוֶוערִין אֲפִילוּ טוֹיזֶענְד רוּבֶּעל אַבִּי מִיא זָאלְל מִיר 4000 אָבְּגֶעבֶּען .

בַּיין טוֹיזֶענְד רוּבֶּעל אִיז אַשַׁאדֶע עֶס וָועט זַיין גֶענוּג וֶוען דוּא וֶועסְט אָנְוֶוערִין 500 :

נוּא הָאבּ אִיךְ דָאךְ אַייךְ גֶעזָאגְט אַז אִיךְ בִּין מַסְכִּים .

הָאבּ זְשֶׁע צַייט , דוּא ווִילְסְט אֶפְשַׁר אִיךְ זָאל דִיר אָבְּצֵיילִין דִיא 4500 רוּבֶּעל ? מַיין בְּרוּדֶער דֶערְוַוייל גָאט צוּ דַאנְקֶען הָאט

מַיין קֶעשֶׁענֶע נִיט זוֹכֶה גִיוֶוען צוּ טְרָאגִין אַזַא סוּמֶע, אוּנ אִיךְ בִּין פֶערְזִיכֶערְט אַז וַוייטֶער וֶועט זִיא אוֹיךְ אַזַא גְלִיק נִיט הָאבִּין, דוּא מוּזְט נָאךְ אַבִּיסֶעל וַוארְטֶען וֶועסְטוּ עֶרְהַאלְטֶען אִין גַאנְצֶען דַיינֶע פִינְף טוֹיזֶענְד רוּבֶּעל, אוּנ אַז דוּא וֶועסְט זַייא שׁוֹין הָאבִּין אִין הַאנְד וֶועסְטוּ דֶערְפוּן אַרָאפְּגֶעבִּין סַךְ הַכֹּל 500.

אָבֶּער וִויא אַזוֹי וֶועל אִיךְ דָאס גֶעלְד אָבְּנֶעהמֶען?

דָאס דַארְפְסְטוּ אוֹיךְ נִיט וִויסֶען, אִיךְ וֶועל דִיר שׁוֹין אָנְזָאגִין וֶוען דוּא זָאלְסְט אַרַיינְגֶעהן צוּ קַאטצֶענקַאפְּפֶן מָאנֶען דַיין גֶעלְד, אוּנ דָאס מָאהל אַז דוּא וֶועסְט מָאהנֶען וֶועט עֶר דִיר גֶעוִויס בִּיז אַפְּרוּטָה אָבְּגֶעבִּין.

זָאגְט מִיר נוּר רבי בער אִיהר זָאגְט דָאס עֶרִינְסְט אָדֶער אִיהר רֶעדְט דָא אַייעֶרֶע גְלַייכֶע וֶוערְטְלִיךְ מִיט אַייעֶרֶע וִויטְצֶען וִויא אַייעֶר שְׁטֵיינֶער אִיז.

שׁוֹטֶה! צוּ דוּא וֵוייסְט נִיט אַז מִיךְ קְרֵיינְקְט דִיא גֶעשִׁיכְטֶע פּוּנְקְט אַזוֹי וִויא דִיר? פֶערְשְׁטֶעה אִיךְ דֶען נִיט וָואס פַאר יְסוּרִים דוּא הָאסְט פוּן דֶער אוּנְגֶערְהֶערְטֶער רְצִיחָה, וִויא פֶערְשְׁטֶעהסְטוּ וֶועל אִיךְ מִיר עֶרְלוֹיבֶּען צוּ מַאכֶען פוּן דִיר חוֹזִיק וֶוען בַּייא דִיר גִיעסְט זִיךְ בְּלוּט פוּן דִיא אוֹיגֶען, דוּא קָאנְסְט זִיכֶער זַיין אַז אִיךְ שְׁפַּאס מִיט דִיר נִיט אוּנ אִיךְ מֵיין זֵייעֶר עֶרִינְסְט דָאס וָואס אִיךְ הָאבּ מִיט דִיר גִירֶעדְט, אִיךְ זָאג דִיר קוּרְץ אוּנ שַׁארְף: אַז אוֹיבּ אִיךְ וָועל דִיר נִיט מַאכֶען אַז קַאטצֶענקָאפְּף זָאל דִיר אָבְּגֶעבֶּען דַיין גֶעלְד זָאלְסְט דוּא מִיר אָנְשְׁפַּייֶען אִין פָּנִים אוּנ זָאלְסְט מִיךְ אָנְרוּפֶען לִיגְנֶער שַׁקְרָן אוּנ וָואס פַאר אַשְׁאָנְדְלִיכֶער נָאמֶען דִיר וֶועט נוּר אִין מוֹיל אַרַיינְפַאלֶען, דִיר וֶועט אָבֶּער וִויא אִיךְ הָאבּ דִיר גֶעזָאגְט דִיא מַעֲשֶׂה מוּזֶען קָאסְטִין 500 רוּבֶּעל.

אַךְ טְהַייעֶרֶער פְרַיינְד! — הָאט יאזעף אַגֶעשְׁרַייא גֶעטָאהן פַאלְלֶענְד בערלען אוּם דֶעם הַאלְדז — בִּיז מַיין סוֹף לֶעבֶּען וֶועל אִיךְ אַייךְ נִיט פֶערְגֶעסֶען אוֹיבּ אִיהר וֶועט דָאס קָאנֶען אוֹיסְפִיהרֶען דֶער רוֹיבֶּער זָאל מִיר מַיין גֶעלְד אָבְּגֶעבֶּען, אִיךְ וַוייס אַז נָאר

אִיהר מִיט אַייֶער פֶערְשְׁטַאנְד זָענְט אִין שְׁטַאנְד מַיין גֶעלְד פּוּ זַיינָע אַייזָערְנֶע הֶענְד אַרוֹיסְצוּרַייסֶען •

נוּא נוּא זַייא זִיכֶער אַז עֶס וֶועט זַיין רָעכְט — הָאט בערעלע גִיעֶנְטְפֶערְט — דֶערְוַויל אַדְיֶע אִיךְ הוֹיבּ טַאקֶע בּאלְד אָן וֶועגֶען דֶעם צוּ אַרְבַּייטֶען, מַיין פְּלַאן אִיז בַּייא מִיר אִין קָאפְּף פִּיקְס אוּנ פֶערְטִיג, אוּנ מִיט גָאטְס הִילְף אִיךְ הָאף אַז אִיךְ וֶועל קַיין נַאר נִיט בְּלַייבֶּען, אַדְיֶע מַיין פְּרָאפֶעסְסָאר צוּם וִויעדֶערְזֶעהֶען !

אוּנ מִיט דִיא וֶוערְטָער אִיז עָר אַרוֹיסְגֶעלָאפִין פוּן יאזעפס צִימְמָער •

# ה׳

## קַאטְצֶענְקָאפְּף אוּנ וִויטְצְקָאפְּף •

אַשֵׁיינֶער אוּנ אַפַּיינֶער גוּטֶער מָארְגֶען אַייךְ הֶערר קאטצענ-קָאפּף !—הָאט בערעלע וויטצענקאפף אַגֶעשְׁרַייא גֶעגֶעבֶּען אַרַיינְ• קוּמֶמֶענְדִיג צוּ אוּנְזֶער סימיאן קאטצענקאפף אִין הוֹיז — גוּט וָואס אִיךְ הָאבּ אַייךְ אִין דֶער הַיים גֶעטְרָאפֶען, דֶען אִיךְ הָאבּ אַייךְ וִויכְטִיגֶע, זֶעהֶער אִינְטֶערֶעסַאנְטֶע נַייֶעס גֶעבְּרַאכְט •

וָואס פַאר נַייֶעס הָאסְטוּ מִיר דָאס גֶעבְּרַאכְט ? — הָאט סימיאן נַייאגִיעֶרִיג גֶעפְרֶעגְט — זָעטְץ זִיךְ בערעלע, אוּנ עֶרְצֶעהל •

בערעלע הָאט זִיךְ גֶעזֶעצְט הָאט פֶערְרוֹיכְט אַפַּאפִּירָאס אוּנ הָאט גֶעזָאגְט : אִיךְ קוּם עֶרְשְׁט פוּן אַשֵׁיינֶער קַאמֶעדְיֶע •

דוּא זָעהסְט שְׁטֶענְדִיג שֵׁיינֶע קָאמֶעדְיֶעס — הָאט קאטצענ-קאפף גֶעלַאכְט — נוּא לָאמִיךְ שׁוֹין הֶערֶען וָואס פַאר אַקָאמֶעדְיֶע דוּא הָאסְט גִיזֶעהֶען •

אַז אִיךְ זָאג אַייךְ אַשֵׁיינֶע קָאמֶעדְיֶע מָאגְט אִיהר מִיר גְלוֹיבֶּען — הָאט בערעלע גִיעֶנְטְפֶערְט — אִיהר הָאט דָארְט אוֹיךְ אַשֵׁיינֶע רָאלֶיע גֶעשְׁפִּיעלְט •

אִיךְ ? נוּא רֵייד זְשֶׁע שׁוֹין אַמָאהל וָואס הָאסְטוּ גִיזֶעהָען.

אִיךְ בִּין עֶרְשְׁט גִיוָועןְ בַּייא דֶעם אַמָאהלִיגֶען קָאזַאק דאבקעלע, דִיא כַּלַבְּטֶע הָאט דוּרְךְ מַיין הַאנְד גֶעלִיהָען בַּייא אַמֶענְטְשֶׁען הוּנְדֶערְט רוּבֶּעל, אוּנ מִיא קָאן בַּייא אִיהר דָאס בִּיסֶעל גֶעלְד נִיט אַרוֹיסְנֶעהמֶען וִויא פוּן הִינְטֶעשֶׁע צֵיין, אִיךְ הָאבּ שׁוֹין מַיינֶע שְׁטִיוָועל צֶערְרִיסְסֶען לַייפֶענְדִיג צוּ אִיהר, אִיךְ קוּם הַייגְט אַרַיין עֶרְשְׁט דָארְט אִיז אַנַאנְצֶע סוּמַאטָאכֶע, זִיא קְרִיעגְט זִיךְ מִיט רייזעלען, רייזעלע שרייט: אִיבֶּער דִיר נָאר אִיבֶּער דִיר בִּין אִיךְ גֶעוָוארִין אַכַּלָה פַאר אַזַא שַׁארְלַאטַאן וִויא אברעמעלע הערצענ-פְרַיינְד אִיז דוּא הָאסְט מִיךְ אִין אַזַא בְּלָאטֶע פֶערְשְׁלֶעפְּט, אוּנ דאבקע שַׁרייט נָאךְ הֶעכֶער: גֶעה מִיט דֶעם קָאפְּף אִין דֶר'עֶרְד מִיט דֶעם יוּנְגַאטְשׁ אִינְאַיינֶעם, דֶער שֵׁד הָאט גֶעזָאלְט וִויסֶען אַז עֶר אִיז אַזַא יִמַחְשְׁמוֹנִיק אַזַא טְרוֹפָה בַּיין.

דָאס אִיז ווִירְקְלִיךְ שַׁיינֶע נַייעֶס — הָאט קאטצענקאפף בַּייאַנְגִיעֶרִיג גֶעזָאגְט — נָאר פַארְוָואס אִיז דָאס גֶעוָוארִין צְווִישֶׁען זַייא אַזַא קְרִיעג.

דָאס הָאט מִיךְ אוֹיךְ אִינְטֶערֶעסִירְט צוּ עֶרְפַאהרֶען — הָאט בערעלע גִיעֶנְטְפֶערְט — דַארִיבֶּער הָאבּ אִיךְ גֶעפְרֶעגְט דאבקען וָואס דָאס בַּאטַייט הָאט זִיא מִיר עֶרְצֶעהלְט אַנַאנְצֶע מַעֲשֶׂה, אַז רייזעלעס חָתָן אברעמעלע דֶער קָאלֶעקְטָאר הָאט גֶעוואוּנֶען דִיא לֶעצְטֶע גֶעווִינְס אַפָאר טוֹיזֶענְד רוּבֶּעל, הָאט עֶר זִיךְ מְיַשֵׁב גִיוָועןְ וִויא בַּאלְד אַז עֶר הָאט גֶעלְד וָואס טוֹיג אִיהם נֶעהמֶען אַנְאָרֶעמֶע טוֹיד אָהן גֶעלְד אוּנ אָהן קְלַיידֶער, חָאט עֶר אָבְּגֶעשִׁיקְט רייזעלען צוּריק דִיא תְנָאִים.

אַזוֹי ? — הָאט קאטצענקאפף הֶעכְסְט עֶרְפְרַייעֶט אוּנ פַאר וואוּנְדֶערְט גֶעפְרֶעגְט.

יַא יַא דָאס אִיז רִיכְטִיג וִויא אִיךְ זָאג אַייךְ דָאס הָאט מִיר עֶרְצֶעהלְט רייזעלע אַלֵיין. זִיא הָאט נָעבַּאךְ טַייכֶען טְרֶערִין פַאר גָאסִין זִיא הָאט מִיר גֶעזָאגְט מִיט דִיא וָוערְטֶער: מַיינְט נִיט רבי

בער אז איך וויין אויף דעם וואס אברעמעלע דער יונגאטש וועט מיין מאן ניט זיין, דאס בין איך גראדע צופרידען, ווארום איך קאן זיך דאך פארשטעלען וואס פאר אפינסטער וויסט לעבין איך וואלט פערברעכט פאר אזא שארלאטאן וואס ביי אידם איז רעכט פערשאפפען אכלה אזוי פיל עגמת נפש אונ געבין איהר אזא פאטש אין פנים, מיך פערדריסט אבער אויף זיך אליין פאר וואס בין איך גיוועזן אזא נאר אונ האב פריהער ניט ארויס גיזעהען אז איך קריך אין בלאטע דער מיט וואס איך פערבינד מיך מיט אזא מענטשען וויא אברעמעלע איז, אונ אין דעם איז נאר מיין מאמע שולדיג, זיא האט מיך אויף אזא גליטש ארויפגעפיהרט וואס זאל איך אייך ווייטער דערציילען הערר קאטצענקאפף. — האט ווייטער בערעלע גירעדט — איך האב דעם צער פון דער שיינער רייזעלען ניט געקאנט זעהען, איך האב פשוט געוויינט קוקענדיג אויף איהר, אזא גאלדען קינד וואס איהר פאסט צוא זיין אפרינצעססין דארף געבאך אזעלכע צרות האבען.

רעכט אויף איהר! — האט קאטצענקאפף געזאגט — מיר טוהט דאס הנאה זאל זיא ווייטער ניט זיין אזא שוטה, זאל זיא ניט זיין צו געבונדען צו איהר מאמעס פארטוך.

וואס ווילט איהר פון איהר האבען זיא איז דאך ניט מעהר וויא אקינד — האט בערעלע גיענטפערט — איהר דארף מאן אלעם מוחל זיין, איהר האט באדארפט הערין הערר קאטצענקאפף מיט וואס פאר אפייער זיא האט פון אייך גירעדט, וויא זיא האט אייך געלויבט.

מיך האט זיא געלויבט?

יא יא טאקע אייך, זיא האט מיר פערטרויעט אגעהיימניס נאר איך בעט אייך הערר קאטצענקאפף דאס זאלל טאקע בלייבען אסוד.

וואס האט זיא אייך פערטרויעט — האט סימיאן זעהער נייגיעריג גיפרעגט.

זִיא הָאט מִיר פֶּערְטְרוֹיעֶט אַז זִיא הָאט אַייךְ שְׁטַארְק לִיבּ אוּנ זִיא הָאט גֶעהָאפְּט נָאר מִיט אַייךְ חֲתוּנָה צוּ הָאבֶּען, וַוייל זִיא הָאט אַהִיבְּשֶׁע צַייט גֶעמֵיינְט אַז אִיהר הָאט זִיא ! אוֹיךְ לִיבּ אוּנ אִיהר וֶועט זִיךְ צוּ אִיהר שַׁדְכֶענֶען, אַלְס זִיא הָאט אָבֶּער גִיזֶעהֶען אַז אִיהר שְׁוַוייגְט, אוּנ אִיהר מוּטֶער הָאט אִיהר אָנְ-גֶעהַייבֶּען צוּ דוּלֶען דֶעם קָאפּ מִיט אברעמעלען, הָאט זִיא נֶעגֶען אִיהר ווִילְלֶען מַסְכִּים גִיוֶוען צוּ זַיין דֶעם שַׁארְלַאטַאנְס כַּלָה.

אַזוֹי הָאט זִיא אַייךְ גֶעזָאגְט? אִיךְ גְלוֹיבּ אַייךְ נִיט.

אִיהר גְלוֹיבְּט מִיר נִיט? הָאט בערעלע מִיט אַיין עֶרְנְסְטֶע מִינֶע גֶעזָאגְט — זֶעהֶט אִיהר אַז אִיהר הַאלְט מִיךְ פַאר אַלִיגְנֶער ווִילל אִיךְ שָׁאן גָאר מִיט אַייךְ נִיט רֵיידֶען, אִיךְ פְרֶעג אַייךְ, אִיהר זָאלְט מִיר גֶעזוּנְד זַיין וֶוער צְווִינְגְט דָאס מִיר אִיךְ זָאלל אַייךְ דֶערְצֵיילֶען אַלִיגֶען, אִיהר וֶועט מִיר דֶער פַאר בֶּעצָאהלֶען.

הָאט זִיא דָאס אַייךְ טַאקֶע בֶּאֱמֶת גֶעזָאגְט? — הָאט קאטצענקאפּף הָעבְּסְט עֶרְפְרֵיוּעֶט גִיפְרֶעגְט.

פְרֶעגְט אִיהר מִיר נָאךְ אַמָאהל אַזַא שַׁאֲלָה רֵייד אִיךְ שָׁאן מֶעהְר נִיט, אִיהר קָאנְט מִיר דוּכְט זִיךְ גָאט צוּ דַאנְקֶען נִיט פוּן הַיינְט, אִיהר וַוייסְט אַז מִיט אַזַא מֶענְטְשֶׁען ווִיא אִיהר זֶענְט וֶועל אִיךְ זִיךְ נִיט עֶרְלוֹיבֶּען צוּ שְׁפַּאסֶען.

נוּא נוּא דֶערְצֶעהלְט וַוייטֶער וָואס נָאךְ הָאט אִיהר מִיט רייזעלען גִירֶעדְט.

אִיךְ וֶועל אַייךְ זָאגֶען דֶעם אֱמֶת הֶערְר קאטצענקאפּף, אַז נָאךְ אִיהרֶע וֶוערְטֶער אִיז מִיר אַיינְגֶעפַאלְלֶען אַגֶעדַאנְק, עֶס קָאן זַיין אַז דָאס אִיז אַנַארִישְׁקַייט נָאר מִיר שַׁיינְט אַז דָאס אִיז נִיט קְרוּם.

וָואס אִיז אַייךְ אַזוֹינְס אַיינְגֶעפַאלְלֶען?

מִיר אִיז אַיינְגֶעפַאלְלֶען דֶער גֶעדַאנְק פַאר וָואס זָאל יֶעצְט נִיט גִיעֶנְדִיגְט וֶוערִין דֶער שִׁידוּךְ צְווִישֶׁען אַייךְ מִיט רייזעלען, לָאמִיר זִיךְ נִיט נַארֶען אִיהר וֶועט דָאךְ אָהן אַוַוייבּ נִיט זִיטְצֶען,

אוּן אַבֶּעסֶערֶע שאָנֶערֶע וַוייבֶּעלֶע וִויא רייזעלע אִיז וָועט אִיהר נִיט בֶּעקוּמֶען וֶוען אִיהר וָועט דִיא גַאנְצֶע וֶועלְט דוּרְכְפָּאהרֶען, זִיא אִיז דָאךְ אַקִינְד מִיט אַלְלֶע מַעֲלוֹת זִיא מָאג זַיין אַמַלְכָּה בְּנֶאֱמָנוּת אַמַלְכָּה.

יַא דָאס אִיז אֲפִילוּ נִיט אַזוֹי קְרוּם — הָאט סימיאָן גִיעֶנְטְפֶערְט וִויא נַאכְדֶענְקֶענְד אָבֶער....

וָואס אָבֶער? אִיהר ווִילְלְט נָאךְ נִיט? אִיהר ווִילְלְט אַזַא שַׁאטְץ פוּן דִיא הֶענְד אַרוֹיס לָאזֶען? וַוייסְט אִיהר דֶען נִיט אַז נִיט אַלְלֶע טָאג זָאגְט מַאן עַל הַנִּיסִים נִיט אַלְלֶע טָאג מַאכְט זִיךְ אַזַא גְלִיק, אוּנ אִיהר מָאגְט אַייךְ טַאקֶע אוֹיף מִיר פֶערְאִיבֶּעל הָאבִּין, אִיךְ מוּז אַייךְ זָאגֶען דֶעם אֱמֶת אַז אִיךְ הָאבּ שָׁאן מִיט רייזעלען וֶועגֶען דֶעם גִירֶעדְט.

וֶועגֶען וָואס הָאט אִיהר מִיט אִיהר גִירֶעדְט?

וָואס הַייסְט וֶועגֶען וָואס? אִיךְ מֵיין טַאקֶע וֶועגֶען דֶעם זִיא זָאלל זַיין אַייעֶרֶע.

נוּא וָואס הָאט זִיא גִיעֶנְטְפֶערְט?

זִיא הָאט גִיעֶנְטְפֶערְט אַז קֵיין גְרֶעסְסֶער גְלִיק ווִינְשְׁט זִיא זִיךְ גָאר נִיט ווִיא צוּ הָאבִּין אַזַא טְהייֶערְן מַאן וִויא אִיהר זֶענְט, נָאר....

נָאר וָואס? רֶעדְט! הָאט קֵיין מוֹרָא נִיט.

נָאר זִיא שְׁרֶעקְט זִיךְ עֶפֶּעס וַוייל שׂוֹנְאִים הָאבֶּען אוֹיף אַייךְ אָנְגִירֶעדְט אַז אִיהר טוּהט גְרוֹיסֶע עַוְלוֹת, אַז אִיהר פַאר חַאפְּט פְרֶעמְדֶע גֶעלְד אוּנ נָאךְ אַזֶעלְכֶע נַארֶעשַׁקְייט:

דָאס אִיז זִיא אַנַאר — הָאט קאטצענקאפּף גֶעזָאגְט — זִיא בַּאדַארְף פֶערְשְׁטֶעהֶען אַז יֶעדֶער מֶענְטְשׁ הָאט שׂוֹנְאִים בִּפְרָט אַזַא גְבִיר אָהן עַיִן הָרַע וִויא אִיךְ בִּין וָואס אַלְלֶע זַיינֶען מִיר מְקַנֵא.

אִיךְ הָאבּ דִיא זָעלְבֶּע וֶוערְטֶער אִיהר אוֹיךְ גֶעזָאגְט.

נוּא וָואס זְשֶׁע הָאט זִיא גִיעֶנְטְפֶערְט?

אִיךְ וֶועל אַייךְ זָאגֶען קוּרְץ הֶערר קאטצענקאפּף, אִיךְ בַּאדַארְף מֶעהר נִיט הֶערִין פוּן אַייךְ אַז אִיהר וִוילְלְט מִיט אִיהר חֲתוּנָה הָאבֶּען, וֶועל אִיךְ שָׁאן מַאכֶען זִיא זָאלל קוּמְמֶען צוּ אַייךְ אַהֶער, אוּנ בֵּיידֶע וֶועט אִיהר זִיךְ דוּרְךְ רֵיידֶען אוּנְטֶער פִּיהר אוֹיגֶען וֶועט שָׁאן אַלְץ וֶוערִין רֶעכְט.

זִיא וֶועט קוּמְמֶען אַהֶער? — הָאט קאטצענקאפּף פַאר וואוּנְדֶערְט גִיפְרֶעגְט.

אַז אִיךְ זָאג אַייךְ זִיא וֶועט קוּמְמֶען מָאגְט אִיהר מִיר גְלוֹיבֶּען, אִיךְ בַּאדַארְף מֶעהר נִיט הֶערִין פוּן אַייךְ דִיא צְוֵייא וֶוערְטֶער אַז אִיהר זֶענְט מסְכִּים הֲתוּנָה צוּ הָאבִּין מִיט אִיהר, וֶועט אִיהר שָׁאן זֶעהֶען אַז בערעלע וויטצענקאפּף אִיז ברוּךְ השם קֵיין לִיגְנֶער נִיט.

קאטצענקאפּף אִיז אַייְנִיגֶע מִינוּטֶען אַרוּמְגֶעגַאנְגֶען פֶּערְזוּנְקֶען אִין גֶעדַאנְקֶען אִיבֶּער זַיין צִימְמֶער, נָאכְהֶער אִיז עֶר צוּגֶעגַאנְגֶען צוּ בערעלען, אוּנ הָאט גֶעזָאגְט: אִיךְ בִּין מַסְכִּים! טוּהט וִויא אִיהר פֶערְשְׁטֶעהֶט, אוּנ אִיךְ פֶערְזִיכֶערֶע אַייךְ אַז וָוען אַייךְ וֶועט גֶעלוּנְגֶען אוֹיס צוּ פִיהרֶען דֶעם שִׁידוּךְ וֶועט אִיהר בַּייא מִיר בֶּעקוּמְמֶען אַשֵׁיינֶע מַטְבֵּעַ שַׁדְכָנוּת גֶעלְד.

אִיךְ וֶועל אוֹיסְפִיהרֶען הֶערר קאטצענקאפּף, אִיהר זָאלְט אַזוֹ לֶעבִּין וִויא אִיךְ וָועל נָאךְ דִיא וָואךְ דֶעם שִׁידוּךְ אוֹיסְפִיהרֶען, אִיךְ וֶועל אַייךְ בְּרֵיינְגֶען רייזעלען אַהֶער, אוּנ אִיהר וָועט זֶעהֶען וִויא בַּייא אַייךְ וָועט דִיא זַאךְ גֶעשְׁלָאסֶען וֶוערִין.

## ה.

## אַכַּלֶה אוֹיף פְּרָאקַאט

אברהם הערצענפריינד וַואר נָאךְ אַיוּנְגֶער מַאן פוּן אוּנְגֶעפֶעהר 25 יָאהר. עֶר אִיז גִיוֶוען וִויא מִיר הָאבֶּען עֶרְצֶעהלְט אַקאלֶעקְטָאר, אוּנ הָאט נֶעהַאט זֶעהֶער אַשֵׁיינֶעם נָאמֶען, פוּן זַיין

גִישֶׁעפְּט הָאט עֶר זֶעהֶער וֶועניג פֶּערְדִינְט, עֶר הָאט אָבֶער גֶעהַאט שַׁאנְסֶען צוּ הָאפְּפֶען אַז מִיט דֶער צַייט וֶועט זִיךְ זַיין לַאנְגֶע פֶּערְבַּעסְסֶערֶען וַוייל עֶר וַואר זֶעהֶר בֶּעלִיבְּט בַּייא אַלְלֶע הוֹיפְּט קַאלֶעקְטָארֶען וִויא אוֹיךְ בַּייא אַלְלֶע אֶוֶוקֶענֶער גְבִירִים, אוּנ אַלְלֶע הָאבֶּען אִיהם פְּרָאטֶעזִירְט מִיט וָואס זֵייא הָאבֶּען גֶעקָאנְט.

מִיט רייזעלען הָאט עֶר שָׁאן לַאנְג רָמַאנְסִירְט, זֵייא הָאבִּין שָׁאן פוּן צְוַוייא יָאהר גִיהֶערְט אֵיינֶער צוּם צְוַוייטֶען נָאר קֵיינֶער הָאט דַאפָאן גֶעוואוּסְט, דָאס אִיז גִיוֶוען רייזעלעס עֵצָה אַז זַייעֶר לִיעבֶּע זָאל בְּלַייבֶּען בְּסוֹד וַוייל זִיא הָאט גֶעוואוּסְט אַז אִיהר מוּטֶער הָאט נָאךְ אִיהר אַלְטֶען שְׁטָאלְץ נִיט פֶּערְלָארֶען, אוּנ זִיא וֶועט גֶעווִיס נִיט וָועלִין אִיהר טָאכְטֶער אָבְגֶעבִּין צוּא אַזַא אָרֶעם מֶענְטְשֶׁעל וִויא אברעמעלע אִיז, עֶנְדְלִיךְ אַלְס זִיא הָאט גִיזֶעהֶען אַז אִיהר מוּטֶער אִיז שָׁאן בַּייא זִיךְ שְׁטַארְק גֶעפַאלֶען הָאט זִיא עֶרְלוֹיבְּט אברעמעלען עֶר זָאל זִיךְ צוּ אִיהר שַׁדְכֶענֶען אָפְּפֶען אוּנ דאבקע הָאט טַאקֶע בַּאלְד צוּ דֶעם שִׁידוּךְ מַסְכִּים גִיוֶוען אוּים פוּרְכְט אִיהר טָאכְטֶער זָאלל נִיט פֶּערְזִיטְצֶען אַמוֹיד בִּיז אִין גְרָאעֶן צָאפּ.

זֵייא זַיינֶען גֶעוָוארֶען חָתָן כַּלָּה, אָבֶער זַייעֶר גְלִיק וַואר גֶעשְׁטֶערְט דוּרְךְ זַייעֶר אַרְמוּטְה, בֵּיידֶע הָאבֶּען קֵיין גֶעלְד גֶעהַאט אוֹיף קְלַיידֶער אוּנ חֲתוּנָה הוֹצָאוֹת אוּנ זֵייא הָאבֶּען זִיךְ קֵיין רַאטְה גֶעקָאנְט גֶעבִּין וָואס צוּ טָאהן.

פֶּערְזוּנְקֶען אִין טִיעֶפֶע פִינְסְטֶערֶע גֶעדַאנְקֶען אִיז אַיין מָאהר אַבֶּענְדְסְצַייט גִיזֶעסְסֶען אברהם הערצענפריינד אִין זַיין וָואהנוּנְג וֶועלְכֶע וַואר שַׁיין פֶּערְפּוּצְט, אַלְס דִיא טִיהר הָאט זִיךְ גִיעֶפִינְט אוּנ בערעלע וויטצקאפף אִיז אַרַיין גֶעקוּמֶען מִיט אַבְּרַייטֶען נוּט נַאבֶענְד!

אברהם הָאט אִיהם פְרַיינְדְלִיךְ עָמְפְּפַאנְגֶען אוּנ הָאט אִיהם גִיבֶּעטֶען זִיטְצֶען.

וָואס טוּהסְט דוּא עֶפֶּעס אברעמעלע? וִויא גֶעהְט דָאס

דִיר ? — הָאט אִיהם בּערעלע גֶעפְרֶעגְט

יט אַזוֹי גְלַאנְצֶענְד — הָאט הערצענפריינד גִיעֶנְטְפֶערְט.

דוּא זָאגְסְט אוֹיךְ אַז דִיר גֶעהֶט נִיט גְלַאנְצֶענְד — הָאט בּערעלע לַאכֶענְד גֶעזָאגְט — דוּא בִּיזְט דָאךְ יֶעצְט אֵיינֶער פוּן דִיא גְלִיקְלִיכְסְטֶע אוּנְטֶער דֶעם הִימְמֶעל, עֶפֶּעס אַקְלֵיינִיגְקֵייט וָואס פַאר אַכַּלָה דוּא הָאסְט דִיא גַאנְצֶע וֶועלְט אִיז דָאךְ דִיר מְקַנֵא.

יַא אַכַּלָה הָאבּ אִיךְ גָאט זַייא דַאנְק אַטַהיֶערֶע, אָבֶער צוּ דֶער כַּלָה דַארְף מֶען הָאבֶּען שֵׁיינֶע עֶטְלִיכֶע גִילְדִין, אוּנ דָא אִיז נִיטָא וואוּ זַייא צוּ נֶעהמֶען חָאטְשׁ צוּ רַיים זִיךְ.

דוּא רֶעדְסְט וֶועגִין גֶעלְד ? גֶעלְד אִיז אוֹיךְ אַגְרוֹיסֶע זַאךְ.

דָאס אִיז דִיא גְרֶעסְטֶע זַאךְ לִיעֶבֶּער פְּרַיינְד. „אָהן גֶעלְד אִיז פּוּסְט דִיא וֶועלְט" זָאגְט אַיין אַלְט וָוערְטִיל.

וִויפִיל גֶעלְד בַּאדַארְפְסְט דוּא דָאס אַזוֹי ?

אַנְטְקֶעגִין וָואס פְרֶעגְט אִיהר, אִיהר וִוילְלְט מִיר אֶפְשֶׁר אוֹיסְלַייהֶען עֶטְלִיכֶע הוּנְדֶערְט רוּבֶּעל — הָאט הערצענפריינד שְׁמֵייכְלֶענְד גֶעזָאגְט — אִיךְ וֵויים דָאךְ אָבֶער אַז אִיהר אַלֵיין זֶענְט אוֹיךְ מֵאַחֵינוּ הַקַבְּצָנִים.

וָואס פְרֶעגְסְטוּ אַזֶעלְכֶע נַארֶעשֶׁע קַשְׁיוֹת אַז אִיךְ פְרֶעג דִיךְ מִסְתָּמָא הָאבּ אִיךְ דָאךְ דֶער בַּייא עֶפֶּעס אַצִיעֶל, זָאג וִויפִיל גֶעלְד דַארְפְסְט דוּא.

אִיךְ בַּאדַארְף חָאטְשׁ דְרַייא הוּנְדֶערְט רוּבֶּעל.

סַךְ הַכֹּל דְרַייא הוּנְדֶערְט רוּבֶּעל ? אוֹיךְ מִיר גֶעלְד.

פוּן וֶוען אָן הָאט גֶעלְד בַּייא אַייךְ פֶערְלָארֶען דֶעם נַאנְצֶען חֵן ? — הָאט אַבְרָהָם גֶעלַאכְט — אִיךְ גֶעדֵיינְק אַז מִיט אַכְט אָדֶער צֶעהֶען טָאג צוּרִיק זֶענְט אִיהר אוּמְגֶעלָאפֶען לַייהֶען דְרַייא קֶערְבְּלִיךְ אוֹיף שַׁבָּת.

בַּייא מִיר אִיז טַאקֶע דְרַייא רוּבֶּעל אַיין עוֹלָם וּמְלוֹאוֹ אָבֶער נִיט בַּייא דִיר — ...ט בּערעלע גִיעֶנְטְפֶערְט — אוֹיבּ דוּא וִוילְלְסְט קָאן אִיךְ דִיר גֶעבִּין צוּ פֶערְדִינֶען מִיט אַמָאהל 500 רוּבֶּעל.

אִיהר לַאכְט רבי בער ?

(אכלה א״פ) בנאמנות

בנאמנות שווער איך דיר אז איך מיין דאס ערענסט, דוא ווילסט פערדינען 500 רובעל?

צו איך וויל? דאס איז א שיינע פראגע.

הער זשע איך גיב דיר מזומנע פינף הונדערטער ווען דוא וועסט מיר געבין סך הכל אויף איין שעה דיין כלה אויף פראקאט.

וואאאאם? — האט אברהם שטריינג אונ פערוואונדערט געפרעגט.

וואס האסטו זיך אזוי ערשראקען — האט בערעלע געלאכט — דוא האסט מורא איך זאל ביי דיר דיין כלה ניט אויסחאפין? האב גאר קיין מורא ניט מיין גאלדענער אברעמעלע, איך וויל דיין כלה ביי דיר לייהען אויף פראקאט אונ סך הכל אויף איין שעה.

זאגט מיר נאר רבי בער צו איהר זענט משוגע אדער איהר האלט מיך פאר אמשוגענעם איך פערשטעה גאר ניט וואס איהר פלוידערט.

איך פלוידער ניט מיין ליעבער, איך מיין דאס זעהער ערענסט, אויב דוא פערשטעהסט ניט מיינע ווערטער וועל איך מיט דיר דייטליכער ריידען, איך וויל דא דעם הערין סימאן קאטצענקאפף פערדרעהען אויף אקורצער צייט דאס קאטצענקעפיל, ער דער אידיאט פערשטעהסטו מיך האט שאן לאנג חשק געהאט צו רייזעלען, ער האט זיך מיט זיין זעכסטער ווייב גיגעט מיט דער האפפנונג אז באלד נאך דעם גט וועט רייזעלע מיט איהם חתונה האבען, דיין רייזעלע אבער וויא עס שיינט האט דעם אלטען שטורמאק גאר אין זינען ניט געהאט, אונ האט בעסער דיך פאר איהר חתן אויס געקליעבען, קאנסטו שאן פערשטעהען וויא דעם קאטצענקאפף קריינקט דיא געשיכטע, ער וואלט אפשר אהאלב פערמעגען אב געגעבען אבי רייזעלען פון דיינע הענד אויס צו רייסען, יעצט פערשטעהסט דוא מיך האב איך מיט דעם מענטשען אזא סארט גישעפט וואס איך קאן איהם אנדערש

נִיט אוֹיס פִיהרָען וואוּ אִיךְ זָאלל נִיט אַיינְבִּילְדֶען קאטצענקאפּפען אַז רייזעלע אִיז שָׁאן נִיט דַיין כַּלָה, אוּנ זִיא ווִילל מִיט אִיהם חֲתוּנָה הָאבִּין, דוּא פֶערְשְׁטֶעהסְט? אוּנ אוּם אִיהם דָאס אַיין צוּ בִּילְדֶען מוּזְט מִיר אָבְּגֶעבֶּען דַיין כַּלָה אוֹיף פְּרַאקאט ס׳הֵייסְט דוּא מוּזְט אַרוֹיס גֶעבִּין אַקְלַאגְג אַז דוּא הָאסְט דֶעם שִׁידוּךְ אָבְּגֶעלָאזְט, אוּנ רייזעלען זָאלְסְטוּ אִיבֶּער גֶעבֶּען אוֹיף מַיינֶע הֶענְד זִיא זָאל מִיט מִיר אַריינְגֶעהֶען צוּ סימיאנען מִיט אִיהם אִיבֶּער צוּ רֵיידֶען וֶועגֶען דֶעם וָואס זִיא ווִילל גָאר זַיין ווַייבּ זַיין, דֶער ווִיזִיט בַּייא קאטצענקאפּפען וֶועט גִיוֶוערִין הֶעכְסְטֶענְס אַשְׁטוּנְדֶע, אוּנ פַאר דְער שְׁטוּנְדֶע גִיבּ אִיךְ דִיר 500 רוּבֶּעל נוּא בִּיזְטוּ צוּ פְרִיעדֶען?

אוֹיבּ אַייעֶרֶע וֶוערְטֶער הָאבֶּען אַמַמָשׁוּת בִּין אִיךְ זֶעהֶער צוּ פְרִיעֶדֶען.

אִיךְ שְׁוֶוער דִיר בַּייא מַיין לֶעבִּין אַז דָאס וָואס אִיךְ הָאבּ דִיר גֶעזָאגְט אִיז לוֹיטֶער אֶמֶת, דָאס גֶעלְד וֶועסְטוּ אָבֶּער בֶּעקוּמֶען שְׁפֶּעטֶער נָאךְ רייזעלעס ווִיזִיט בַּייא סימיאנען.

אוּנ אַז אִיהר וֶועט מִיר נַאכְדֶעם דָאס גֶעלְד נִיט גֶעבֶּען וֶועל אִיךְ מִיךְ גֶעהֶן מִיט אַייךְ מִשְׁפֶּעטִין?

זֶעה נָאר וָואס פַאר אַיינְגֶעל דוּא בִּיזְט — הָאט בֶּערעלע גֶעזָאגְט — וָואס שְׁטֶעלְסְטוּ דָא אַיין דוּא הָאסְט מוֹרָא אַז קאטצענקאפּף וֶועט רייזעלען אַשְׁטִיק נָאז אָבּ בַּייסֶען? פְּרוּבּ אַמָאהל אַגוּטֶען בְּרוּדֶער דוּא וֶועסְט זֶעהֶען אַז בֶּערעלע וויטצענקאפּף קָאן צוּ שַׁארֶען אַפֶּערְדִינְסְטֶעל פוּן 500 רוּבֶּעל.

אִיךְ ווֵייס אָבֶּער נִיט צוּ רייזעלע וֶועט וֶועלִין אַרַיינְגֶעהֶען צוּ קאטצענקאפּפען אִיהם פֶערְדְרֶעהֶען דֶעם קָאפּף מִיט לִיגֶענְס — הָאט אברהם גֶעזָאגְט.

וָואס הֵייסְט זִיא וֶועט נִיט וֶועלִין? זִיא מוּז דָאס טָאהן, אָבְּנַארִין דֶעם רוֹיבֶּער דֶעם טֶענְטְשֶׁען פְּרֶעסְסֶער אִיז נָאר קֵיין עֲבֵירָה נִיט, אוּנ רייזעלע אִיז דֶען אַזאַ נַאר וָואס פֶערְשְׁטֶעהֶעט נִיט אַז 500 רוּבֶּעל אִין אַזַא קְרִיטִישֶׁע לַאגֶע אִיז אַיינֶע אוּנ גֶעהֵייעֶר גְרוֹיסֶע סוּמְמֶע פַאר אַזֶעלְכֶע מֶענְטְשְׁלַאךְ וִויא אִיהר

זענט ? פרעג זיא נאר וועסטו זעהען וויא וועט קיך צווייא ווערטער ניט איבער ריידען אונ וועט מיט דער גרעסטער שמחה צו מיר לויפען אויף פראקאט .

איך וועל שאן צו איהר אריבער געהן אונ וועל זיא פרעגין — האט אברהם געזאגט .

קום איך געה אויך מיט דיר , אונ לאמיר זעהען וויא זיא וועט מיר ענטזאגען ווען איך וועל איהר נור ערצעהלען וועגען וואס דא האנדעלט זיך .

אונ ביידע זיינען אוועק געגאנגען צו רייזעלען .

בערעלע וויטצקאפף האט געטראפפען אז רייזעלע וועט מיט דער גרעסטער שמחה צו איהם לויפען אויף פראקאט , דען קוים האט ער איהר ערצעהלט דיא געשיכטע מיט דיא 5000 רובעל וואס קאטצענקאפף האט גערויבט ביי יאזעף פיעדעלזאהן , אונ ער (בערעלע) האט איהר געוויזען אז קיין אנדער מיטעל דאס געלד צו רעטטען פון סימיאנס הענד איז ניטא אויף דעם וואס זיא אליין וועט צוא איהם אריינגעהען איהם ערקלערען איהר ליעבע צוא איהם , קוים האט זיא דאס ערהערט האט זיא זיך מיט דער גרעסטער פריידע אונטער גענוממען שפיעלען דא מיט קאטצענקאפפען איין ערענסט קאמישע ראליע .

וויא באלד בערעלע איז דא פערטיג געווארען , איז ער געלאפפען צו סימיאנען איהם אן זאגען דיא גוטע בשורה אז מארגען נאך האלבען טאג וועט רייזעלע צו איהם קוממען , אונ פון דארט איז ער אויך באלד אוועק געלאפפען צו דעם ארמען יאזעף פיעדעלזאהן , איהם אנזאגען אז עס איז דא אהאפפענונג ער זאלל זיין געלד אב נעהמען , אונ איהם (יאזעפען) צוא לערנען וואס ער זאל יעצט טאהן .

## ו.

## דיא צווייטע מפלה.

אונזער גיעדרטער הערר קאטצענקאפף זיצט פרעכטיג (אבלה או״פ) אנגעקליידעט

אָנְגֶעקְלַיידֶעט אִין אַוַויכֶען פָּאטֶעל אִין זַיין בַּייכְפֶּערְפּוּצְטֶען זַאל מִיט אַפַּייף אִין מוּנְד גֶעגֶען דֶעם גְרוֹיסִין שְׁפִּיעגֶעל וָואס הַיינְגְט גֶעגֶען אִיהם, אוּנ קְוָועלְט גָאר קוּקֶענְדִיג וְויא שֵׁיין אוּנ יוּנְג עֶר וַויינְט אוֹיס, אוּנ עֶר הָאט וִוירְקְלִיךְ זֶעהֶער יוּנְג דָאס מָאהל אוֹיס־גֶעזֶעהֶען דֶען אֶפְשַׁר דְרַייא שְׁטוּנְדֶען הָאט עֶר גֶעפַּארְבְּט זַיין גֶעזִיכְט אוּנ זַיין בָּארְד מִיט זַיינֶע הָאר עֶר זָאל אוֹיסְוַויזֶען וְויא אַיוּנְגֶער מַאנְטְשִׁיקְ׳ל, בַּייא יֶעדֶען מִינְדֶעסְטֶען גֶערוֹיש הָאט עֶר זִיךְ אַצַאפִּיל גֶעטָאהן, קֶענְטִיג אַז עֶר הָאט יֶעמַאנְדֶען עָרְ־וַוארְטֶעט.

עֶנְדְלִיךְ הָאט עֶר עֶרְהֶערְט וְויא דִיא טִיהר פוּן קַארִידָאר הָאט זִיךְ גִיעֶפִינְט, עֶר אִיז פוּן זַיין אָרְט אוֹיפְגֶעשְׁפְּרוּנְגֶען, אוּנ הָאט צוּ זִיךְ אַלֵיין גֶעזָאגְט „אַהַא זִיא גֶעהט!" עֶר הָאט נָאךְ אַמָאל אַקוּק גֶעטָאהן אִין שְׁפִּיגֶעל, הָאט אַגְלֶעט גֶעטָאהן זַיין בָּארְד, הָאט צוּרֶעכְט גֶעמַאכְט זַיין הַאלְזְטוּךְ אוּנ הָאט אָנְגֶענוּמֶען אַשְׁטָאלְצֶע פָּאזֶע.

דִיא טִיהר הָאט זִיךְ גִיעֶפִינְט אוּנ רייזעלע מִיט בערעלע וויטצקאפף זַיינֶען אַריינְגֶעקוּמֶען.

אַךְ וָואס פַאר גֶעסְט! — הָאט קאטצענקאפף אַגֶעשְׁרַייא גֶעטָאהן אוֹיפְשְׁטֶעהֶענְדִיג פוּן זַיין פָּאטֶעל — וָואס מַאכְט אִיהר לִיעבֶּע זִיסְסֶע רייזעלע? אִיךְ הָאבּ אַייךְ שׁוֹין אֶפְשָׁר פוּן טוֹיזֶענְד יָאהר נִיט גִיזֶעהֶען.

עֶר הָאט אִיהר בַּייא דִיא וֶוערְטֶער דִיא הַאנְד גֶעגֶעבֶּען.

וְויא אַזוֹי זָאלְט אִיהר מִיךְ זֶעהֶען הָערר קאטצענקאפף אַז אִיהר קוּמְט שׁוֹין גָאר צוּ אוּנְז נִיט — הָאט רייזעלע פְרַיינְדְלִיךְ גִיעֶנְטְפֶערְט אִיהם דִיא הַאנְד דְרִיקֶענְד — אִיךְ וַויים נִיט וָוארוּם הָאט אִיהר אוּנְז אוֹיפְגִיהֶערְט צוּ בֶּעעהְרִין מִיט אַייעֶרֶע וִויזִיטֶען.

וַויים אִיךְ? — הָאט קאטצענקאפף שְׁמֵייכְלֶענְד גֶעזָאגְט — אִיךְ הָאבּ גִירֶעכִינְט אַז אִיהר הָאט שׁוֹין גָאר קַיין צַייט מִיט מִיר צוּ פֶערְבְּרֵיינְגֶען וַוייל גָאט הָאט אַייךְ דָאךְ צוּגֶעשִׁיקְט אַזא לִיבֶּען חָתָן וְויא אברעמעלע דֶער קָאלֶעקְטָאר אִיז.

(אכלה אר"פ) אזיו

אַזוֹי גָאר הֶערד קאַטצענקאָפּף — הָאט רייזעלע מִיט אַפֶּערְדְרוּסְפָּאלְלֶע מִינָע גֶעזָאגְט — אִיהר שִׁיט מִיר אוֹיךְ זַאלְץ אוֹיף דִיא וואוּנְדֶען, אִיךְ הָאבּ אַייךְ גִירֶעכִינְט פַאר מַיין בֶּעסְטָען גוּטֶען פְרַיינְד, עֶרְשְׁט אִיךְ זֶעה אַז אִיהר זֶעהט אוֹיךְ אִין מִיר נְקָמָה.

אִיךְ זֶעה אִין אַייךְ נְקָמָה? — הָאט סימאָן אַגֶעשְׁרַייא גֶעטָאהן — גָאט אִיז מִיט אַייךְ וָואס רֶעדְט אִיהר, וַוייסְט אִיהר דָען נִיט אַז נָאר צוּלִיעבּ אַייךְ פְלֶעג אִיךְ אַרַיינְקוּמֶען צוּ אַייךְ אִין שְׁטוּבּ, אִיךְ מוּז אַייךְ יֶעצְט זָאגֶען אַז מִיךְ הָאט גֶעקְרֶיינְקְט בִּיז צוּם טוֹיט אַלְס אִיךְ הָאבּ עֶרְפַאהרֶען אַז אִיהר זֶענְט גֶעוָוארִין דֶעם שָׁאלְטַאקְס אברעמעלע קָאלֶעקְטָארְס כַּלָה, אִיךְ הָאבּ בַּאלְד גֶעוואוּסְט אַז אִיהר זֶענְט אַרַיינְגֶעפַאלֶען אִין אַגְרוּבּ, דֶען לָאמִיר זִיךְ נִיט נַארֶען אִיז דָאס פַאר אַייךְ אַשִׁידוּךְ מִיט אַזַא קַבְּצָן מִיט אַזַא שְׁלֶעפֶּער, אִיהר וָואלְט דָאךְ פַאר אִיהם פָּשׁוּט פוּן הוּנְגֶער גֶעשְׁטָארְבִּין, נָאר וָואס הָאבּ אִיךְ גֶעקָאנְט הֶעלְפִין, אִיהר וָואלְט מִיךְ דֶען גֶעפָאלְגְט וֶוען אִיךְ זָאל אַייךְ גִיוֶועז זָאגֶען אַז דָאס אִיז פַאר אַייךְ אַנְ'אוּנְגְלִיק.

אִיךְ הָאבּ פוּן אָנְפַאנְג אָן נִיט גֶעוָואלְט דֶעם שִׁידוּךְ נָאר דִיא מַאמֶע הָאט זִיךְ אַיינְגֶעשְׁפַּארְט אִיךְ זָאל וֶוערִין אברעמעלעס כַּלָה.

נוּא אוּנ אַז אַייעֶר מַאמֶע זָאל אַייךְ גִיוֶועז הַייסִין אַרוּפְקְרִיכֶען אוֹיפְ'ן שְׁפִּיטְץ קְלֵייסְטֶער אוּנ זִיךְ אַרָאפְוַוארְפֶען אוֹיף דֶער עֶרד וָואלְט אִיהר זִיא אוֹיךְ גֶעפָאלְגְט? וָואס וַוייס מִשְׁטֵיינְס גֶעזָאגְט אַזַא יודֶענֶע וִויא אַייעֶר מַאמֶע אִיז, אַמָאהל אִיז זִיא טַאקֶע גִיוֶוען אַקָאזַאק, אָבֶּער הַיינְט אִיז זִיא אַזַא נַארֶעשֶׁע יוּדֶענֶע וִויא אַלֶע יוּדִישֶׁע וַוייבֶּער, אִיהר הָאט בַּאדַארְפְט אַלֵיין פֶערְשְׁטֶעהן וָואס פַאר אַייךְ אִיז גְלַייכֶער.... אִיהר זֶענְט שׁוֹין נִיט קַיין קְלֵיין מַיידֶעלֶע.

וָואס קוּמְט אַרוּיס פוּן דֶעם וָואס ס'אִיז גִיוֶוען — הָאט זִיךְ בֶּערעלע אַרַיינְגֶעמִישְׁט — דָאס אִיז אַלְץ שׁוֹין אַפַּארְגַאנְגֶענֶע

אַך, לָאמִיר בֶּעסֶער רייִדען פון דֶעם וָואס ס'וָועט זַיין....

מִיר וָועלִין שוין רֵיידֶען — הָאט סימיאן גֶיעֶנְטְפֶּערְט — נָאר וָואס שְׁטֶעהסְט אִיהר? זִיצְט זִיצְט אִיךְ בֶּעט אַייךְ, אִיהר זֶענְט רייזעלע בַּייא מִיר זֶעהֶער אַגוּטֶער גַאסְט.

אַלֶע הָאבִּין זִיךְ גֶעזֶעצְט.

נוּא הֶערר קאטצענקאפּף — הָאט זִיךְ בערעלע דֶער עֶרְשְׁטֶער אָנְגֶערוּפֶען — לָאמִיר צוּגֶעהן גְלַייךְ צוּ אוּנְזֶער גֶישֶׁעפְט, אִיךְ הָאבּ רייזעלען גֶעבֶּעטֶען זִיא זָאל קוּמֶען אַהֶער, חָאטְשׁ וִויא אִיהר פֶערְשְׁטֶעהסְט אַז פַאר אַפְרֵיילִין פַּאסְט נִיט צוּ מַאכֶען אַזַא וִויזִיט, אִיךְ זָאג אִיהר אִין דִיא אוֹיגֶען, זִיא וָאלְט זִיךְ פַאר דֶער גְלִיקְלִיכְסְטֶער גֶעשֶׁעצְט אַייךְ הָאבִּין פַאר אַמַאן, נָאר זִיא שְׁרָעקְט זִיךְ עֶפֶּעס.

זִיא שְׁרֶעקְט זִיךְ? — הָאט קאטצענקאפּף גֶעלַאכְט — אִיהר שְׁרֶעקְט זִיךְ טַאקֶע פַאר מִיר רייזעלע אִיהר מֵיינְט אֶפְשַׁר אַז אִיךְ בִּין אַבֶער, קוּקְט זִיךְ נָאר גוּט אִין מִיר אַיין וֶועט אִיהר זֶעהן אַז אִיךְ בִּין אַמֶענְטְשׁ וִויא אַלֶע מֶענְטְשֶׁען, אוּנ פַאר מִיר אִיז גִיטָא וָואס זִיךְ צוּ שְׁרֶעקֶען.

אִיךְ וַויים אַז. אִיהר זֶענְט אַמֶענְטְשׁ — הָאט רייזעלע אוֹיךְ לַאכֶענְד גֶיעֶנְטְפֶערְט — אִיהר שְׁטֶעהסְט זָאגַאר אִין מַיינֶע אוֹיגֶען הֶעכֶער אַלְס אַלֶע אִיבֶּערִיגֶע מֶענְטְשֶׁען, נָאר לַייט....

וָואס זָאגֶען לַייט? רֵייד שֶׁעם זִיךְ נִיט — הָאט סימיאן גֶעזָאגְט.

אִיךְ וַויים? עֶפֶּעס לַייט רֵיידִין אוֹיף אַייךְ שְׁלֶעכְטְס, אַז אִיהר הָאט זֶעהֶער אַשְׁלֶעכְט הַארְץ, אוּנ וִויא עֶס קוּמְט צוּם קֶערְבֶּעל הָאט אִיהר אוֹיף קֵיינֶעם קֵיין רַחֲמָנוּת נִיט.

נוּא אוּנ דוּא גְלוֹיבְּסְט דָאס?

אִיךְ הָאבּ מִיךְ שוין מִיט אַסַךְ מֶענְטְשֶׁען פַאר אַייךְ גֶעקְרִיגְט, אִיךְ הָאבּ אָפֶען גֶעזָאגְט אַז אִיךְ קָאן אַייךְ דוּרךְ אוּיס פוּן דֶער

גוטער זייט, נאר אייערע שונאים האבין זיך פון מיר אויס געלאכט.

וויא איך זעה האסטו מורא איך זאל דיר חלילה אויך קיין שלעכטס טאהן?

ניין איך וויים זעהער גוט אז איהר וועט זיך בעמיהען מיט אלע קרעפטע מיך גליקליך צו מאכען — האט רייזעלע גיענטפערט — אונ דיא ווערטער וויל איך נאך הערין פון אייער מונד.

נוא אויב דוא ווילסט דאס הערין פון מיין מונד זאג איך דיר פאר רבי בערן אין דיא אויגען אז דוא וועסט ביא מיר דיא גליקליכסטע אין דער וועלט זיין, וואס דיינע אויגען וועלין געלוסטען אונ וואס דיין מויל וועט אויסריידען וועט דאס באלד באשאפין ווערין, פאר דיר וועט מיר קיין זאך צו טהייער אונ צו שווער זיין, אונ דאס וואס מיא זאגט דיר אז איך בין שלעכט צו פרעמדע מענטשין זאלסטו ניט גלויבען, אז דוא וועסט אם ירצה השם זיין ביא מיר אין שטוב וועסטו זעהען וויא אזוי איך בעהאנדעל מענטשען, דוא וועסט אליין זאגען אז נאך אזא בעל טובה וויא איך בין איז ניטא.

אמת וויא איך בין איוד! — האט זיך בערעלע אנגערופען — איך קאן אויף דעם עדות זאגין איך קאן שוין גאט זייא דאנק דעם הערין קאטצענקאפף עטליכע צעהנדליג יאהר, אונ איך האב נאך ניט גיזעהען ער זאל אמענטשען אפילו מיט איין וואָרט בעליידיגען, אונ דוא רייזעלע האסט זיך גאר ניט וואס צו שרעקען, אזא יאהר אויף מיר וויא גליקליך דוא וועסט פאר איהם זיין.

ער האט נאך דיא ווערטער ניט גיענדיגט אלס דיא טיהר פונם זאל האט זיך האסטיג אויפגיעפינט אונ יאזעף פיעדעלזאהן איז אריינגעלאפען.

קאטצענקאפף איז בלאס געווארין אלס ער האט יאזעפן אין דער צייט דערזעהן, ער האט זיך אבער בעמיהעט מיט אלע

קְרֶעפְּטֶע זַיין שְׁרֶעק צוּ פֶערְבָּארְגֶען אוּנ הָאט צוּ יאזעפֿן מִיט אַפְּרַיינְדְלִיכֶע מִינֶע גֶעזָאגְט : אִיהר זֶענְט גֶעווִיס גֶעקוּמֶען נָאךְ אַייֶער גֶעלְד לִיעבֶּער פיערעלזאהן ?

יַא הֶערר קאטצענקאפף — הָאט יאזעף גֶיעֶנְטְפֶערְט — הָאט אוֹיף מִיר רַחֲמָנוּת אוּנ גִיט מִיר אָב דָאס גֶעלְד וָואס מַיין בְּרוּדָער הָאט מִיר גֶעשִׁיקְט אוֹיף אַייֶער אַדְרֶעסְסֶע .

שׁוֹטֶה ! — הָאט סימיאן גֶעלַאכְט — וָואס אִיז דָא פַאר רַחֲמָנוּת , דָאס אִיז דָאךְ דַיין גֶעלְד בַארְף מֶען זַייא דִיר אָבְּגֶעבֶּען . נַא אֶט הָאסְטוּ דִיא גַאנְצֶע 5000 רוּבֶּעל .

בַּייא דִיא וָוערְטֶער הָאט עֶר אַרוֹיסְגֶענוּמֶען פוּן טַאשׁ אַפַּאק בִּילֶעטִין הָאט אָבְּגֶעצֵיילְט פִינְף טוֹיזֶענְד רוּבֶּעל , אוּנ הָאט זַייא דֶערְלַאנְגְט דֶעם אִיבֶּערְרַאשְׁטֶען יאזעפן וֶועלְכֶער הָאט זַיינֶע אוֹיגֶען נִיט גֶעגְלוֹיבְּט , עֶר הָאט אַחַאפּ גֶעטָאהן דָאס גֶעלְד אוּנ אִיז אַרוֹיסְגֶעלָאפִין פוּנְקְט ווִיא עֶר זָאל מוֹרָא הָאבִּין מִיא זָאל זַייא בַּייא אִיהם צוּרִיק נִיט אָבְּגֶעהֶמֶען .

אַלְס יאזעף אִיז אַרוֹיסְגֶעגַאנְגֶען , הָאט בערעלע אַוואוּנְק גֶעטָאהן צוּ רַייזָעלֶען .

זִיא הָאט פֶערְשְׁטַאנֶען זַיין וואוּנְק אוּנ אִיז פוּן אִיהר אָרְט אוֹיפְגֶעשְׁטַאנֶען , מִיט אַרוּהִיגֶער קַאלְטָער מִינֶע הָאט זִיא זִיךְ גִיוָוענְדֶעט צוּ קאטצענקאפפן אוּנ הָאט גֶעזָאגְט : אַדְיֶע הֶערר קאטצענקאפף ! צוּם ווִיעדֶערְזֶעהן !

וָואס ? אִיהר גֶעהט שׁוֹין אַוֶועק ? הָאט סימיאן עֶרְצִיטֶערְט גֶעפְרֶעגְט .

נַא אִיךְ מוּז שׁוֹין גֶעהן עֶס אִיז שׁוֹין שְׁפֶּעט .

נוּא אוּנ וֶועגֶען יֶענְץ ? — הָאט סימיאן גֶעפְרֶעגְט .

וֶועגֶען וָואס ?

וֶועגֶען דֶעם וָואס מִיר הָאבֶּען עֶרְשְׁט גִירֶעדט . . . : .

וֶועגֶען . . . וֶועגִין אוּנְזֶער שִׁידוּךְ .

אַהַא וֶועגֶען דֶעם וָואס אִיהר ווִילְט אִיךְ זָאל זַיין אַייֶער

ווייב — האט רייזעלע לאכענד גיענטפערט — איך האב מיך מישב גיוועזן אז דער שידוך לאהנט פאר אונז ביידען ניט חלעבין איהר זענט שוין אהן עין הרע אנ'אלטער מאן איבער זיעבעציג יאהר, אונ איך בין נאך איונג מיידעל, דאס איז ניט קיין גלייכער שידוך, איהר זוכט אייך אכלה אנ'אלטע וויא איהר זענט אונ איך וועל מיר געהן צו מיין חתן אברעמעלע הערצענפריינד, אונ איך בעט אייך הער קאטצענקאפף איהר זאלט זיך למע"ה ניט לאזין בעטין אויף מיין חתונה, אדיע!

אונ מיט דעם אדיע איז זיא געשווינד ארויסגעגאנגען, אונ נאך איהר בערעלע.

אין וואס פאר אפאזע אונזער אלטער העלד קאטצענקאפף איז יעצט שטעהן געבליעבען קאנען דיא לעזער אליין פער-שטעהען, מיר טאהרען אסור קיין שונא ניט ווינטשען אזא הארץ מיט ווייטאקען וויא דער הערר סימיאן אלכסנדראוויטש האט נעבאך דאמאלס געהאט אלע אלטע חתנים זאל גאט מיט זיין כשרער האנד איינהיטען פון אזעלכע שמערצען.

* *
*

דיא גאנצע שטאדט אווקען האט געקלונגען מיט דעם שפיטצעל, אלע האבין גרויס הנאה געהאט פון דעם פסק וואס דער אלטער רויבער האט געהאט, נאר מעהר פון אלעמען האבין הנאה געהאט יאזעף פיעדעלזאהן דערפון וואס ער האט מציל גיוועזן זיין געלד, אונ אברהם הערצענפריינד וואס האט ערהאלטען 500 מזומנע רובעל פראקאט פאר זיין כלה אונ מיט דעם געלד האט ער געשפיעלט זייער אשיינע חתונה אויף וועלכער אונזער בערעלע וויטצקאפף איז גיוועזן דער גאנצער מחותן.